STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09979

FARANENE UN GEVEZENE

Simon Raphael Krinsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַראַנענע און געוועזענע

לידער און דערציילונגען

פון

שמעון קרינסקי

ארויסגעגעבן פון דעם
ש. קרינסקי ביכער־קאָמיטעט
ווילמינגטאָן, דעלאַווער

התרצ״ו

Copyright, 1936
by
SHIMEN KRINSKY

פאָזי־שאָולזאָן (שריפטזעצעריי־קאָאָפעראַטיוו)
19 וועסט 21טע גאַס / / נויאָרק, נ. י.

ש. קרינסקי

דעם ליכטיקן אָנדיינק פון מיין פאָטער
חיים ב״ר נתן נטע, ז״ל
נפטר געוואָרן אין האָראָדאָק,
קרייז ביאַליסטאָק,
ט״ז תמוז, תרע״ט.

עטלאַכע ווערטער
פון
ש. קרינסקי ביכער-קאָמיטעט

דאָס ערשטע בוך פון ש. קרינסקי: „דער איד און זיין טראַ־דיציע" איז דערשינען אין יאָר 1926, פאַרלאַג דרוקערמאַן. די טויזנט עקזעמפלאַרן האָבן זיך פאַרקויפט אין קנאַפּע זעקס וואָכן און די בעסטע קריטיקער האָבן געשריבן מיט גרויס אויפריכטיקייט איבער די געלונגענע דיסערטאַציעס פון דעם בוך. דאָס צווייטע בוך פון ש. קרינסקי: „פאַראַנענע און גע־וועזענע", וואָס דער ביכער־קאָמיטעט האָט איצט ארויסגע־געבן, איז אַ דאַנק די פילע פריינט און פאַרערער פון ש. קרינסקי, וועלכע האָבן אויף זייער א בכבודיקן אופן געהאָלפן שאַפן די נויטיקע סומע פאר די דערשיינונג פון אָט דעם בוך.

דער קאָמיטעט האָט שוין איינגעגעבן און דרוק ש. קרינסקיס העברייאישן בוך „צלילים" און גרייט זיך אויך ארויסצוגעבן זיין בוך „צוואַנציק יאָר מיט אידישע קינדער".

די אַלע פריינט און פאַרערער פון ש. קרינסקי, וועלכע ווילן האָבן גענויערע אינפאָרמאַציעס וועגן די דערשיינונג פון זיינע ביכער, זאָלן זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דעם ש. קרינסקי ביכער־קאָמיטעט אויף דעם אַדרעס:

S. KRINSKY BOOK COMMITTEE
701 West Tenth Street
Wilmington, Delaware

אינהאַלט פון די דערציילונגען

מאַטקע בעל עגלה 11
היימישער יחוס 17
שייקע ווערט אַ חתן 22
געצל דער תקיף 26
דער אונטער שמש 31
ירוחם דער גלוח בלאָזט שופר 36
בת־שבע 40
דער היימישער ערב פסח 43
אַרויסגעטריבן פון דער ישיבה 47
פון שיף 52
מענדל דער פרוש ווערט אַ בעקער 55
צו אַ זון אין אַמעריקע 67
אַ פּאַר־קאָוט 74
צוויי מאַמעס 80
פישל דער פּאָליסמאַן 85
שמחה 89
לעאָן קאַגאַן 94
לאהקע 98
צוויי פעטערס 103
דער דיכטער 106

מאָטקע בעל עגלה

אַזאַ פריילאַכע און צופרידענע נשמה ווי עס איז אין דעם קורצן און פעטן בעל־עגלהשן מאָטקע געווען, האָב איך נאָך ניט באַגעגנט. האָט וועליע, די ווייב זיינע, געמעגט טופען מיט די פיס פון היינט ביז מאָרגן און בראוגענען און קלאַפּן אין טיש אַריין, אַז דער רוח זאָל עס נעמען, האָט דאָס מאָטקען געקימערט ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. אין די ערגסטע צייטן האָט מאָטקע געהאַט אַ מאַנאַפּאָלקע אין בוזים־קעשענע און געשפּאַצירט איבער פּיאַסקעס און געלאַכט פון דער וועלט.

דער וואָס האָט גוט פאַרשטאַנען מאָטקען און האָט זיך געקענט מיט אים חברן, האָט קיין בעסערן גוטן ברודער גאָר ניט באַדאַרפט האָבן. מיט אַ גוטן ברודער, אַ „נאַש בראַט", האָט זיך מאָטקע מיטן ביסן פון מויל געטיילט. איך האָב געקענט זיצן מיט מאָטקען גאַנצע נעכט, אין פּיאַסקאָווען בית־מדרש, און זיך צוהערן מיט וואָס פאַר אַ התלהבות ער פלעגט דערציילן אויסגעטראַכטע מעשהלאַך און לעגענדעס. קיין פּאַסאַזשירן האָט מאָטקען קיינמאָל ניט געפעלט. ווער עס איז געפאָרן מיט ליידיקע פורן צום וואָקזאַל, און ביי מאָטקען איז מען געזעסן אָנגעביטשקעוועט.

מאָטקע איז געווען דער קעניג פון די „בעלי עגלות". אַלע האָבן פאַר אים מורא געהאַט. מאָטקע האָט אַלעמען געקענט, און מיט יעדן איינעם געווען אַ מחותן. איז געקומען צופאָרן דער פּריסטאַוו אין שטעטל, האָט איר גלייך געטראָפן מאָטקען ביי לייזער דעם זומער אין שטוב, אַרומדרייענדיק זיך אָן א היטל. מיט ירוחם ברילן און אַרציק לונסקי, איז דאָך אָפּגערעדט. מיט זיי פלעגט ער דאָך אַרומשפּאַצירן ווי מיט זיין גלייכן און גאַנץ אָפט מאַכן מיט זיי צו־זאַמען אַ „לחיים". צייט האָט מאָטקע געהאַט געגנוג. ווארום ווער עס האָט באַדאַרפט גיין בעטלען פּאַסאַזשירן און זיך דרייען באַן־צייט אין

גאַס — און צו מאַטקען איז מען געגאַנגען אין שטוב אַריין ווי צו אַ גוטן אידן. מיט מאַטקען זיינען געפאָרן אַלע פאַבריקאַנטן, דער רב, דער אוטשיטעל, דער סטאַראָסטע און די גאַנצע אידישע אינטעליגענץ. מאַטקעס געשפאַן איז דאָך טאַקע געווען דער שענסטער פון אַלע. ביי מאַטקען איז געווען דער וואָגן געפאַרבט אין גרין מיט אַ גוטן ווייכן שפרינזינאַוון געזעס און אין דוגא זיינען געווען דריי גלעקלאַך וועלכע האָבן פאַרהילכט און פאַרקלונגען דאָס גאַנצע שטעטל. היינט זיין שימעל, אָדער ווי מאַטקע האָט אים גערופן: מיין שפּייזער, איז טאַקע געווען איינער אַרום און אַרום. וואָרים ווער נאָך האָט אַזוי אָפּגעהיט אַ פערד ווי מאַטקע? אַזוי ווי אַ הערלאַכער איד גיסט אָפּ יעדן אין דער פרי נעגל־וואַסער, אַזוי האָט מאַטקע אַלע אין דער פרי גוט אַרומגעוואַשן און אויסגעבאַרשט דעם פערד, אַז עס האָט געשפּיגלט פון אים. מיט דער אַרבעט האָט ער זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן, אפילו אויף זיין נחמנען, וואָס ער איז געווען ביי אים די רעכטע האַנט, דער גאַנצער אַרויסהעלפער. מאַטקע האָט געגליכן צו זיין מיט זיין שימעל ביחידות, גלעטן אים, פוצן אים, און ריידן צו אים ווי צו אַ מענטשן. ביי וועמען די פערד האָבן געגריזשעט די שעטשקע מיט די צעפוילטע היי, און ביי מאַטקען איז דער פערד געשטאַנען איבער פולע קובלעס מיט האָבער. דערפאַר אַז מאַטקע האָט איינגעשפּאַנט זיין שימעל און האָט אים געגעבן אויספּויען צוויי פולע עמער וואַסער און אַ צי געטאָן פאַר די לייצעס, איז דאָס טאַקע אַוועקגעגאַנגען שערעמאַנט. ביי מאַטקען האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן אַז ער זאָל פאַרשפּעטיקן דעם באַן, ווי שפּעט ער זאָל ניט האָבן אַרויסגעפאָרן, איז ער געווען ביים וואָקזאַל דער ערשטער. מיט זיין שימעל האָט ער זיך ניט וואָס צום שרעקן. ער יאָגט אפילו איבער די פאָטשט, וואָס פאָרט געשפּאַנט מיט צוויי רויטע פּריצישע פערד וואָס לויפן פאַרריסן די קעפּ אין הימל אַריין. און טאָמער קומט אויס אַמאָל זיינע פּאַסאַזשירן לאַנג צו וואַרטן אויף אַ בילעט, איז מאַטקע גלייך ביים „נאַטשאַלניק" און האָט שוין פאַר יעדן איינעם אַ בילעט. אַז דער באַן קומט אָן, און די פּאַסאַזשירן גייען אַרויס מיט די פּעקלאַך, איז מאַטקע דער ערשטער צו נעמען זיי צו זיך אויפן וואָגן. קיינער פון די איבעריקע „בעלי עגלות" וואָגט ניט דעם נאָז

אַריינצושטעקן. טאָמער האָט אַמאָל בישקע דער „בעל עגלה״, אַרויס־געכאַפּט פון מאָטקען אַ פּאַסאַזשיר, נו, האָט ער שוין געהאַט צו געדענקען אויף דעם גאַנצן לעבן. אפילו שעפּקע דער „בעל עגלה״, וועלכער האַלט זיך פאַר אַ גאַנצן יאַטעבעדאַם, וואָס באַרימט זיך פאַר אַלעמען אַז ער האָט אַמאָל אין קראַליער וואַלד, מיט איין קלאַפּ אַוועקגעלייגט צוויי שקצים, שטייט אויך פון דער ווייטן מיטן בייטש אין האַנט און רעדט קיין וואָרט ניט. אַז מאָטקע האָט שוין אַ פולן וואָגן מיט מענטשן, זעצט ער זיי גוט איין, בינדט צו מיט אַ שטריק די פּעקלאַך, און היידאַ! אין שטאָט פלעגט מאָטקע אַריינפאָרן מיט זאַנשיינס גאַס. ער האָט געגליכן פאַרבייצופאָרן דעם מויער „בית־מדרש״, און אויסשרייען פאַר דעם עולם, וואָס איז געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף די טרעפּלאַך, די נייעס וואָס ער פלעגט הערן פון די פּאַסאַזשירן. און אַז מאָטקע האָט שוין פון לאַנג געהאַט אויסגעשפּאַנט דעם שימעל, פלעגן זיך ערשט שלעפּן די „בעלי עגלות״ מיט זייערע „פּאַדלעס״ און ליידיקע פורן פון וואָקזאַל. זעלטן, זעלטן, אַז שעפּקע אָדער טשאַבאַן, פלעגן האָבן פולע וועגענער מיט פּאַסאַזשירן, סיידן אַן ערב יום־טוב, אָדער אַז עס איז געווען אַ חתונה אין שטעטל.

ווען איר זעט מאָטקען שבת אין שול, אין זיין חתונה סורטוק, מיט דער רויטער טיכל אַרום האַלז און מיט די קאַלאָשעס איבער די שטיוול, וואָלט איר קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז דאָס איז מאָטקע פּימפּער, וואָס פירט אַלע „בעלי עגלות״ פאַרן נאָז. אַז מאָטקע קומט שבת אין שול, נעמט ער מיט נחמנען מיט איטשע הערשן און זיי מוזן שטיין די גאַנצע צייט לעבן אים און דאַווענען. שבת, איז מאָטקע אויס „בעל עגלה״. ער דערמאָנט אפילו ניט דעם שימעל זיינעם. עס איז כמעט ניטאָ דער שבת, אַז מאָטקע זאָל ניט האָבן אַן אורח ביים טיש. און אַז מאָטקע נעמט אַ פרעמדן מענטשן, גיט ער אים צו עסן און צו טרינקען. ווי מאָטקע אַזוי אויך וועליע. דאָס קען מען אויף זיי ניט זאָגן. וואָס אמת איז אמת. ביי מאָטקען האָט נאָך ניט געטראָפן אַ שבת אָן פיש. מאָטקע איז געווען ביי יצחק דעם פישער, איינער פון די בעסטע קונדן. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געדונגען ווי לונטיכע אָדער אַנדערע ווייבער. ווער רעדט, אַז ער האָט געקראָגן שלייען

פיש, איז דאָך קיינער צו אים גלייך ניט געווען. פלייש האָט ער גענומען ביי שצירב דעם קצב. און אויף שבת האָט שוין שצירב געוואוסט אַז פאַר מאָטקען דאַרף מען לאָזן אויסער דעם פונט פלייש, אויך אַ פונט לעבער, אַ קעלבערנע פיסל און אַ פעטן קנאָכן.

וועגן אַ שנעפסל ביים טיש, איז דאָך אָפּגערעדט. דאָס האָט ביי מאָטקען קיינמאָל ניט געפעלט. מאָטקע האָט קיינמאָל ניט ענטזאָגט צו געבן אַן אָרימאַן אַ נדבה, פאַרקערט, ער האָט זיך גאַנץ אָפט געשטעלט פיינער פון די איינגעפונדעוועטע באַלעבאַטים.

קוקנדיק אויף מאָטקעס רויטן קאַרק און אויף זיינע צוויי קליינע וואסערדיקע אויגן, וואָלט איר זיכער געמיינט, אַז מאָטקע איז שטענ־דיק שכור. די מעשה איז אָבער גראָד פאַרקערט. וויפיל מאָטקע זאָל ניט טרינקען, רעדט ער צו דער זאַך, מאָטקע ווערט קיינמאָל ניט שכור. שיין וואָלט מאָטקע אויסגעזען, אַז ער זאָל נאָך יעדן שנעפסל דאַרפן ווערן שכור, דאַן וואָלט שוין אפילו דער שטילער קוליעש, געריטן איבער אים. מאָטקע זאָגט אַז טרינקען דאַרף מען קענען, אַז טרינקען איז אַ מלאכה ווי אַלע אַנדערע מלאכות. איך האָב אַמאָל געטראָפן מאָטקען ביי געצלען אין פיוונע טרינקענדיק אַ גרויסן קופל שוואַרצן ביר צעמישט מיט זיבן און פופציקער, און גאָר ניט, דער זעלבער מאָטקע. ער איז געגאַנגען ווי תמיד, די הענט אַריינגערוקט אין די טיפע הויזן קעשענעס, און האָט זיך אפילו אָן אַ זייט אַ דריי ניט געגעבן. ווער ווייס צו וואָס מאָטקע פּימפּער וואָלט זיך דער־שלאָגן, ווען ניט די מלחמה. די מלחמה האָט מאָטקען אין גאַנצן רואינירט, ממש, אַ תל געמאַכט פון אים. אָנגעפאַנגען האָט מיט אים פאַניע גנב, און פאַרענדיקט האָבן די דייטשן.

מאָטקע האָט פאַר קיין פאַל ניט געקענט באַגרייפן פאַניעס אויפ־טו, מיט דעם פאַרמאַכן אומעטום די מאָנאָפּאָלן. וואָס האָט דער מאָנאָפּאָל צו טאָן מיט דער מלחמה? פאַרקערט, ווען די סאָלדאַטן וואָלטן יעדן טאָג געמאַכט עטלאַכע שנעפּסלאַך, וואָלטן זיי צעריבן די דייטשן ווי קאַשע, אַז קיין „שריד ופליט" וואָלט פון זיי ניט גע־בליבן. ער ווייס דאָס פון זיך אַליין: טאָמער האָט ער צוויי טעג דעם ביטערן טראָפּן ניט געהאַט, איז ער געווען אויס מענטש. ער האָט די גאַס ניט געקענט איבערגיין, אַזוי שוואַך איז ער געווען.

דער תירוץ איז אָבער: כאַמולע! אָנגעשטאָפּטע קעפּ מיט מעקענע! נאָר אַז פּאַניע האָט ביי אים צוגענומען זיין נחמנען און אים פאַר־שיקט פאַר אַ סאָלדאַט, אַזש קיין אופאַ, האָט מאָטקע די ערד גע־ריסן און אים געשאָלטן מיט טויטע קללות. גייען אַרום אין שטעטל אַזעלכע געזונטע בויאַנעס, פוסטע פּאַסניקעס, און זיין נחמן, די רעכטע האַנט זיינע, דאַרף דאָס זיין די „כפרה"־הינדל. אָן נחמנען איז דאָך מאָטקע אויסגעשפּילט. נחמנען איז דאָך קיין זאַך שווער ניט געווען צו טאָן פאַר מאָטקען און פאַר דעם שימעל. זומער פלעגט נחמן אויפשטיין אין מיטן דער נאַכט און אָוועקנעמען דעם פערד אויף „ראַנקעס" און אים ברענגען אין דער פרי אָן אויסגעפּרעסענעם. האָט מען גערדאַרפט שמידן דעם פערד איז געגאַנגען נחמן. האָט מען גע־דאַרפט אויסשמירן די רעדער, האָט זיך נחמן געפּאַטשקעט מיט די זשעגאַכץ. אמת, מאָטקע האָט צוגענומען צום פערד און וואָגן זיין איטשע הערשן, אָבער איטשע הערש איז ניט נחמן. מיט איטשע הערשן האָט זיך מאָטקע גערדאַרפט רייסן פאַר יעדער קלייניקייט, אַזוי פויל איז ער געווען. דאָך איז נאָך מאָטקען אַזוי שלעכט ניט געווען. ער האָט געקראָגן צו דער צייט דאָס ביסל „מים המאררים", איז נאָך אַ גילדן אויפן קוואַרט, ער האָט אָבער געקראָגן. די חברה „בעלי עגלות" האָבן נאָך פאַר אים „דרך־ארץ" געהאַט, דער שימעל איז נאָך געשטאַנען ביי אים אין שטאַל און מאָטקע איז געווען מאָטקע.

נאָר אַז די דייטשן זיינען אַריין און די באַנען זיינען מער ניט גע־גאַנגען ווי פאַר מיליטער, און זיך באַווייזן מיט אַ גוטן פערד אין גאַס, איז איינפאַך געווען אַ מורא, אַז מען זאָל עס ניט צונעמען, האָט מאָטקע ערשט פאַרשטאַנען אַז ער איז אויס בעל־עגלה, אויס מאָטקע, אויס וואָקזאַל און אויס שימעל.

צען טעג האָט מאָטקע געהאַלטן פאַרשטיקט דעם שימעל אין שטאַל, פאַררוקט הינטער די האָלץ, נאָר אַז די דייטשן האָבן באַפוילן אַז אַלע פערד־באַזיצער זאָלן זיך מעלדן מיט די פערד, האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן, מען האָט געמוזט קומען. און אַז די דייטשן האָבן דער־זען מאָטקעס שימעל, האָבן זיי פון אים די אויגן ניט אַראָפּגענומען. מאָטקעס שימעל איז דאָך געווען דער שענסטער פון די אַלע פערד, און אומזיסט האָט זיך מאָטקע געבעטן ביי די דייטשן אַז מען זאָל פון

אים זיין „שפּייזער" ניט צונעמען. עס האָט ניט געהאָלפן. זיי האָבן דעם שימעל צוגענומען און אויסגעביטן מיט אים אויף אַ בלינדער אַלטער קליאַטשע. מאַטקע האָט זיך געזעגנט מיט זיין שימעל אַזוי ווי מיט אַ קינד וואָס פאָרט אַוועק איבער ימען, שוין אויף קיינמאָל ניט צוריקצוקומען. ער האָט אַרומגענומען דעם שימעל און כליפּנדיק ווי אַ קינד האָט ער אים געגלעט און געטרייסט, אַז אַזוי ווי ער בעט פאַר זיין נחמנען, וועט ער אויך בעטן פאַר אים. וויפיל מענטשן עס זיינען געשטאַנען אַרום פּלאַץ, האָבן אַלע מיטגעוויינט מיט מאַטקען. אַ צוזאַמענגעבראָכענער האָט זיך מאַטקע געשלעפּט מיט דער בלינדער קליאַטשע איבערן שטעטל באַגרייפנדיק וואָס פון אים וועט איצט ווערן. די „בעלי עגלות" וועלן איצט זען אין אים אַ נקמה. זייערע פערד זיינען דאָך לייבן אין פאַרגלייך מיט זיין „פּגירה". ער וועט זיך דאָך שעמען אַרויסצופאָרן מיט אַזאַ שטיק „נבלה", און ווער וועט דאָס וועלן מיט אים פאָרן. און אַזוי איז טאַקע געוועזן. שעפּקע, וועמעס פערד איז געוועזן אַ פליג אַנטקעגן מאַטקעס שימעל, איז איצט געוואָרן דער גאַנצער קנאַקער. שעפּקע פאָרט אין שטאָט אַריין און ברענגט סחורה פאַר אַלע קרעמער, און טרינקט אַ גוט ביסל ביטערע יעדן טאָג, און מאַטקע זיצט אין שטוב, ווי גאָר קיינמאָל קיין „בעל־עגלה" ניט געוועזן. מאַטקעס פוס קומט ניט אַריין אין שטאַל, ער קען ניט. די בלינדע קליאַטשע נעמט צו ביי אים זיינע יאָרן. פון דער קליאַטשע וועט שוין קיין פערד קיינמאָל ניט זיין. אין בעסטן פאַל, וועט ער ניט האָבן וואָס איינצושפּאַנען אין וואָגן. עס האָט ניט גענומען קיין צוויי וואָכן און מאַטקע איז געוועזן „נקי". מער ווי ביים בייטש האָט זיך מאַטקע ניט אָפּגעשטעלט. דעם וואָגן, די צוויי כּר־מאַנטן מיט די זאַפּאַסנע רעדער, האָט מאַטקע אומגעביטן אויף ברויט מיט קאַרטאָפל. און די קליאַטשע האָט ער געלאָזן אַ געפּענטעטע אויף דער בלאָטע, אַבי זיינע אויגן זאָלן דאָס ניט אָנזען.

מאַטקע איז אַלט און קראַנק געוואָרן, און אין אַ גאָר קורצער צייט איז ער אַוועק פון דער וועלט.

היימישער יחוס

פּאַרוואָס ניאַמקע, דער הינקעדיקער שוסטער, האָט זוכה געווען אַז דער „רב״ פון שטעטל, זאָל מאַכן די גאַנצע שוכוואַרג דוקא ביי אים, ווייס ער נאָך „עד היום״ ניט. וואָלט ער געווען ווי דער אַלטער תנחום, וועלכער דאַווענט דריי מאָל אַ טאָג בצבור, נו, וואָלט ער דאָס געשטעלט אויף דעם „זכות״ פון זיין פרומקייט. אָבער, ער האָט דאָך מער ווי שבת, אין שול ניט געגאַנגען, און פון צו מאַכן אַ פּאָר סגראַוונע צאַצקעדיקע שיך מיט אויסגעקיילעכטע שפּיצן, איז ער אויך ווייט געווען. וואָס ער ווייסט און קען דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן, איז נאָר דאָס, וואָס ווי גלייך דער רב האָט אָנגעטאָן זיינע אַ פּאָר געמאַכטע שטיוול מיט די געמזאווע כאָלעוועס, האָבן אַלע שוסטערס אויף אים זיך אָנגעבלאָזן. אפילו אברהמקע דער שוסטער, דער בעסטער גוטער פריינט זיינער, האָט אים צו זיין טאָכטערס חתונה קיין בילעט ניט געשיקט. אמת, עס האָט אים געקרענקט, ווען מאָטיע דער שוסטער, וועלכער קומט אים נאָך ביז היינט פאַר צוועלף פּאָר פּאָדנאָסקעס, פלעגט אַראָפּלאָזן די אויגן צו דער ערד און אים ניט זאָגן קיין גוט מאָרגן, ווען זיי פלעגן זיך באַגעגענען ביים ברונעם, גייענדיק נאָך וואַסער, יעדן פרימאָרגן. נאָר אָפּגעבן זיי אַזאַ קונד ווי דעם רב, וועלכער באַשטעלט יעדן יאָר צוויי פּאָר שיך פאַר דער רביצן, זעקס פּאָר שיך פאַר די קינדער און אַ פּאָר כראָמאָווע שטיוול מיט געמזאווע כאָלעווס פאַר זיך אַליין — ניין, דאָס וועט ניאַמקע ניט טאָן, אפילו ווען זיי שטעלן זיך דובאָם.

און כאָטש דער רב איז געווען זיין קונד און האָט אים געוואַרט מיט די געלט פון חול המועד ביז חול המועד, דאָך האָט דער רב אים קיינמאָל צו קיין „אספה״ ניט פאַררופן, אפילו „שמחת תורה״ צו אַ גלאָז ביר ניט איינגעלאָדן. צו קיין רעכטער „עליה״ האָט ער

זיך קיינמאָל ניט געקענט דערשלאָגן, אפילו צו אַ „במקום כהן" אַמאָל שבת צו מנחה, זיך ניט געקענט אַרויפאַרבעטן.

איז כל זמן יוספקע, זיין בן־יחידל, איז נאָך געווען אַ קליינער אינגל, געגאַנגען אין חדר, האָט דאָס אים ווינציק וואָס געקימערט: איז ניט קיין „עליה", בין איך ניט קיין קאָכלעפל אין שטעטל, טאָ איז וואָס? נאָר ווען יוסף איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, אויסגעוואַקסן אַ געראַטענער בחור, זיך געלערנט בוכהאַלטעריע ביי קלמן דעם שריי־בער און געוועדט אַ גוטן רוסיש, און קיינער פון די כלומרשטע יחסנדיקע בחורים און מיידלאַך האָבן זיך מיט אים ניט געוואָלט חברן, — אפילו גאָלדע, שאַכנע דעם שניט קרעמערס טאָכטער, וועלכע פאַר־היקעוועט זיך בשעתן רעדן, האָט זיך געשעמט מיט אים די גאַס אַי־בערגיין — דאַן האָט ניאָמקע פיינט געקראָגן די שול, די זיך זעלבסט געקרוינטע יחסנים, דעם רב, דעם שוחט, און אין גאַנצן גענומען צווייפלען אין „תורת משה".

וואָס הייסט, האָט ער איינגעטענהט מיט זיך אַליין, ווייל איך, ניאָמקע דער הינקנדיקער, בין אַ שוסטער, אַ בעל מלאכה, וועלכער אַרבעט פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, לייג לאַטעס, ניי שיך, פאַרהיט דעם מענטשן פון אַ פאַרקילונג, נו, דעריבער דאַרף מען זיך שעמען מיט מיין קינד, דעריבער האָב איך ניט קיין חלק אין „תורת משה"? יודל דעם אַפּטייקערס תכשיט, וועלכער שכורט שוין פון צוויי יאָר, פרעסט חזיר ווי אַ גוי, איז מיט אים שפּאַצירן אין גאַס שעמט זיך ניט איטקע דעם רבס, מיט אים איז אַ כבוד, אַ יחוס. און מיין יוסף, אַ רואיק, שטיל בחורל, טרינקט ניט, שלעפּט זיך ניט אַרום מיט די דאָרפישע שיקסעס גאַנצענע נעכט, איז מיט אים איז אַ בזיון, ער דאַרף זיין „מחוץ למחנה".

יוסף, ווידער, האָט זיך פון דעם קנאַפּ וואָס גענומען צום האַרצן. אמת, ער האָט ליב געהאַט צו הערן איטקע דעם רבס, פאַרלייענענ־דיק פרצן און דעקלאַמירן אַלע שבת אין דעם ציוניסטישן לאָקאַל. ווי באַלד זי איז אָבער אַזאַ נאַרישע עגאָאיסטקע האָט ער אין גאַנצן אויפגעהערט צו באַזוכן דעם לאָקאַל. שבת, פלעגט ער פאַרברענגען מיט ביילקע דעם שמידס און מיט ברײנקע דעם בלעכערס, וועלכע האָט זיך געלערנט פאַר אַ שפּוליאַרקע. מיט אָט די מיידלאַך האָט

ער געקענט רעדן פשוט, נאַטירלאַך, ניט דאַרפן זוכן פראַזן ביי נאָד־סאַנען און קנאַקן מיט אַ זאַראַטוסטראַ שפּראַך. מיט די מיידלאַך האָט ער געקענט קומען צו זיך אין דער היים, עסן צוזאַמען הערינג מיט שאָלעכץ קאַרטאָפל און קומען צו זיי און זיך פילן ווי ביי זיך אין דער היים.

יוסף האָט אָבער אויפגעגעבן דעם געדאַנק, דעם חלום זיינעם, פן צו ווערן אַ בוכהאַלטער און האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַמעריקע. געשע, די מאַמע זיינע, האָט אפילו ניט געוואָלט הערן פון דעם פּלאַן. וואָס הייסט, זאָגט זי: יוספקע איז דאָך מיין אויג פון קאָפּ, אַ לעבן אַ גאַנצן האָביך דאָך פאַר אים אָפּגעגעבן. אָבער ניאַמקע, דער טאַטע זיינער, האָט דוקא מסכים געווען מיט זיין זונס פעסטן באַשלוס. זאָל יוסף פאָרן אין אַמעריקע, האָט ער געזאָגט, און בשעת מעשה האָבן טרערן פאַרגלעזערט זיינע אויגן, זאָל ער פאָרן, אַמעריקע, איז די איינציקע לאַנד אויף דער וועלט, וואו מען שעמט זיך ניט מיט אַרבעט און מיט קינדער פון שוסטער און שניידער, זאָל ער פאָרן, און אַז יוסף וועט זיך איינאָרדענען, וועלן מיר אויך אַנטלויפן פון דעם עפּוש, פון די באַלעבאַטישע פּוסט און פּאַסניקעס.

ניאַמקע האָט זיך פאַרבאָרגט און פאַרמשכנט און געשאַפן די נויטיקע רייזע הוצאות פאַר יוספן. פון די אַלע שטאַטישע מיידלאַך איז מער ווי ביילקע און ברײַנקע זיינען ניט געקומען זיך געזעגענען מיט יוספן.

אין עליס איילאנד האָט אים אָפּגעוואַרט זיין פעטער סעם, זיין מאַמעס ברודער, און האָט אים גענומען צו זיך אַהיים אין באָסטאָן. דער פעטער האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין בוטשער סטאָר און האָט אים געצאָלט צוויי און צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך.

ווי נאָר יוסף האָט אָפּגעצאָלט זיין טאַטן די רייזע הוצאות, אַזוי האָט ער גענומען אַ לערער און האָט פלייסיק געלערנט די ענגלישע שפּראַך. פיר יאָר האָט יוסף געאַרבעט ביי זיין פעטער און האָט אָפּגעשפּאָרט עטלאַכע הונדערט דאָלאַר, און אַז אים איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע אַז ער איז אָנגענומען געוואָרן אין אוניווערזיטעט, האָט ער בלויז געאַרבעט דריי שעה אַ טאָג און דעם גאַנצן טאָג שבת.

זעקס שווערע יאָר האָט יוסף דורכגעמאַכט ביז ער איז געוואָרן אַ דענטיסט.

זיין פעטער, וועלכער האָט זיך מיט אים זייער פיל געגרויסט, האָט אפילו געוואָלט אַז ער זאָל עפענען אַן אָפיס אין באָסטאָן, יוסף האָט אָבער געוואָלט זיין אין ניו יאָרק, אין דער שטאָט וואו אַלע לאַנדסלייט זיינע געפינען זיך.

פאַר דער צייט וואָס ער האָט זיך געלערנט פאַר אַ דענטיסט, איז דער רב פון זיין שטעטל מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אַריבער־געקומען קיין אַמעריקע און איטקע, די טאָכטער זיינע, איז אַ שניי־דערקע געוואָרן.

יוסף האָט שוין אפילו געהאַט זייער אַדרעס, און דער רב האָט דורך זיינעם אַ באַקאַנטן אים איינגעלאַדן צו זיין ביי זיי צו די „סדרים". יוסף איז אָבער געווען פאַרנומען מיט אויסגעפינען דעם אַדרעס פון בריינקע דעם בלעכערס, וועלכע האָט געוואוינט ערגעץ אין ניו דזשוירזי.

אַז די לאַנדסלייט האָבן זיך דערוואוסט, אַז יוסף ניאַמקע דעם שוס־טערס איז געוואָרן אַ דאָקטאָר, און אַז ער האָט אַן אָפיס אויף סעקאַנד עוועניו, האָט די סאָסייעטי פון זיין שטעטל געמאַכט פאַר אים אַ באַנקעט, און אַלע לאַנדסלייט פון ניו יאָרק און אומגעגענט זיינען איינגעלאַדן געוואָרן. אין די איינלאַדונגס בריוו איז געווען געמאָלדן אַז דער רב פון שטעטל וועט רעדן און אַז זיין טאָכטער איטקע וועט דעקלאַמירן פּרצן און ביאַליקן.

אין דעם גרויסן, ליכטיקן האָל האָט יוסף זיינע אַלע באַקאַנטע לאַנדסלייט געטראָפן. די ערשטע צו געבן אים „שלום עליכם" איז געווען איטקע און האָט אים גלייך צוגעפירט צו איר פאָטער דעם רב. דער זעלבער יוסף, האָט אים דער רב אַ קניפּ געטאָן פאַרן באַק און געזאָגט: קום אַריבער צו אונז און האַלט זיך ניט פרעמד. יוספן האָט אָבער דער גאַנצער באַנקעט אין קאָפּ ניט געקראַכן, ער האָט געזוכט בריינקען. עס קען גאָר אין דער וועלט ניט זיין, אַז בריינקע זאָל ניט וויסן פון דעם באַנקעט. איטקע האָט דעם גאַנצן אָוונט די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון יוספן, וועלכער איז פון אַלעמען גערופן געוואָרן דאָקטאָר סלוצקי, און כסדר געוואָרפן מיט פראַזן און גאַנצע

פערזן פון ביאַליקן און רייזענען. דער רב האָט אין זיין רעדע ניט פאַרגעסן דערמאָנען זיין טאַטן דעם שוסטער, און אַז ער טראָגט נאָך די שיך, וועלכע ניאָמקע האָט אים געמאַכט פאַרן אָפּפאָרן אין אַמעריקע. נאָכן רעדן, האָט אים איטקע איינגערוימט אַ סוד, און ער האָט זיך געזעגנט מיט יוספן און מיט די לאַנדסלייט און איז אַוועק. ערשט ווען מען האָט אַוועקגערוקט די טישן און די מוזיקאַנטן האָבן זיך גענומען צוגרייטן צום ערשטן וואַלץ, זיינען חברה לאַנדסלייט אָנ־געקומען פון פעטערסאָן און אָנגעפילט דעם טאַנץ־זאַל. מער ווי איין טאַנץ האָט איטקע ניט אַריינגעכאַפּט מיטן דאָקטאָר. יוסף האָט פון דער ווייטנס דערזען ברייבקען אַריינגייענדיק אין זאַל מיט נאָך דריי מיידלאַך. איטקעס פּלאַן אַז יוסף זאָל איר אָפּפירן אַהיים נאָכן באַל, האָט ברייבקע צו נישט געמאַכט.

ברייבקע האָט דעם גאַנצן אָוונט געטאַנצט מיטן דאָקטאָר און איטקע האָט זיך אַן אַנטוישטע אַרויסגעגנבעט פון האָל.

שייקע ווערט אַ חתן

שייקע איטשע הערשילס, וואָלט נאָך אפשר ביז היינטיקן טאָג געווען אַ בחור, ווען ניט דוואַשע, די מאַמע זיינע, וועלכע האָט אים טאָג און נאַכט געעגבערט, געוויינט איבער אים און זיך געבעטן: שייקעלע, מיין קינד, דו ביסט דאָך מיין אויג אין קאָפּ, מיין איין איינציק קינד, פאַרוואָס זאָלסטו ניט פאַרשאַפן דער מאַמען דיינער אַביסעלע נחת, דו ביסט דאָך שוין צווישן אונז ריידנדיק אַ דרייסיקער, האָב חתונה, נעם אַ שיינע אידישע כשרע טאָכטער, דער טאַטע ווערט דיר אָפּגעבן די אויבערשטיבל און מיר וועלן דיר אריינשטעלן אַ פּאָר הילצערנע פּאַליטורטע בעטן, אַ שאַפקע, אַ טישל, עטלאָכע שטולן מיט אַ בענקל, דו וועסט זיך קויפן אַ קיעלע מיט עטלאָכע הינער און דו וועסט זיין פאַר זיך אַ באַלעבאָס, מיט אַלע מענטשן צוגלייך.

און פאַרוואָס מיינט איר האָט טאַקע שייקע ניט געוואָלט חתונה האָבן — ווייל ער האָט זיך געשראָקן אַז ער וועט קיין לעבן ניט קענען מאַכן, אָדער ווייל ער איז, חלילה, אַ קראַנקער? זאָלן אַזוי אַלע אידישע יונגעלייט זיין געזונט און באַוואַרנט מיט „חיונה" ווי שייקע.

שייקע איז געווען אַ יונג מיטביינער, מיט צוויי ברייטע אַקסלען און מיט אַ פּאָר גרויסע געזונטע הענט. אַז שייקע פלעגט אַ כאַפּ טאָן אַ זעקס פודיקן זעקל ווייץ אויפן אַקסל, האָט ער זיך אַפילו אַ בויג ניט געגעבן. פאַרדינען אַ גילדן ביי שייקען איז געווען אַ געלעכטער. עס האָט ניט געטראָפן דער פאַל, אַז שייקע זאָל קויפן ביי אַ גוי אַ קעלבל, אַז אים זאָל זיך ניט אָפּשטעלן דאָס פעלכל מיט אַ האַלבן זייטל פלייש אין „רוח" און ווען שייקע האָט געבראַכט פיש האָט ער אימער געהאַט מיט פינף פונט מער. שייקע האָט זיך זייער גוט אויסגעטויגט צו די געשעפטן. האָט אימיצער געדאַרפט קויפן אַ לייגנדיקע הון איז מען געקומען צו שייקען, אַ גוטן פוד אַרבעס,

צו שייקען, לינדזען, מערן, צו שייקען. און אַז שייקע האָט געזאָגט אַז עס איז גוט איז דאָס טאַקע געווען גוט.

שייקע האָט אָבער ליב געהאַט יאָספען, פּיני דעם באַנדערס טאָכטער, די הויכע געזונטע מויד, וואָס פלעגט לויפן אין די זומער־דיקע פרימאָרגנס אַ באָרוועסע אין די דערפער נאָך מציאות.

וואָס די שכנים האָבן מיט אים ניט צעטענהט און ניט פון אָרט. ער האָט ניט חתונה און גייט טוט אים עפּעס. דוואָשע, די מאַמע זיינע, איז צו „קדרים" געפאָרן און להבדיל ביים גוטן אידן געווען, פדיונות געגעבן, און גאָר ניט, שייקע האָלט זיך ביי זיינס: ער האָט ניט חתונה. פון שייקעס ליבע האָט דוואָשע ניט געטאָרט וויסן, אַ בראָך, זי וואָלט זיך אפשר אַ מעשה אָנגעטאָן פון חרפה. דוואָשע איז דאָך עפּעס ר' זרחקע דעם שוחטס אַן אייניקל און איטשע הערשילס אַ ברודער איז דאָך שוין דעם צענטן יאָר „גבאי" אין גרויסן „בית מדרש", וועט זי זיך מתחתן זיין מיט פּיני דעם באַנדער וועלכער איז אין טורמע געזעסן פאַר אַרויסגנבענען אַ פערד פון שטאַל, נו, האָט טאַקע שייקע אין שטאָט מיט יאָספען זיך ניט געוויזן. און אַז זיי טרעפן זיך יעדן פרימאָרגן אין וועלדל און אין דאָרף הינטער אַ קאָפּעצע היי, — פון דעם האָט קיינער ניט געוואוסט.

דוואָשע וואָלט נאָך אפשר ביז היינטיקן טאָג פון דער גאַנצער מעשה ניט געוואוסט, ווען ניט שייקעס פּלוצלונגע ענדערונגען און אויפפירונגען. שייקע וואָס האָט קיינמאָל ניט אָנגעטאָן אין דער וואָכן זיין טוכענעם גראַנאַטדיקן מלבוש און האָט קיינמאָל זיך ניט אויס־געפּוצט מיט דעם קראַגן און שניפּס אין מיטן דער וואָך, האָט זיך פּלוצלונג אָנגעהויבן פּוצן. אַלע צוויי טעג איז ער ביים שערער, פּוצט די געמזאָווע שיך, נעמט צו די שבתדיקע מלבושים פאַר אין דער וואָכן, און גייט אַרום אַ צעטראָגענער, גאָר ניט דער זעלבער שייקע.

וואָס דוואָשע האָט ניט צערעדט צו אים און גאָר ניט. ניט אַ וואָרט אַרויסצוקריגן פון אים. איטשע הערשיל האָט אפילו איינגע־טעהנט מיט דוואָשען אַז מיט שייקען איז ניט פריילאַך און אַז מען דאַרף אים מער אין דאָרף ניט לאָזן גייך, ווער וויס, אפשר האָט ער זיך דאָרט פאַרליבט אין אַ שיקסע. דוואָשע האָט אים אָבער

גאָר ניט געענטפערט און זי האָט אָנגעהויבן נאָכצושפּירן שייקעס געהיימניש וואָס ער פאַרבאַרגט פון טאַטע־מאַמען. איין מאָל איז זיך דוואָשע מיישב און גייט אַוועק אין דאָרף. ווער ווייס, אפשר איז טאַקע איטשע הערשיל גערעכט און שייקע האָט דאָרטן אַ שיקסע.

אומזיסט איז אָבער איר גאַנג ניט געווען, ווען זי איז צוגעקומען צום געדיכטן סאָסנאָווען וועלדל, האָט זי געטראָפן איר שייקען מיט יאַספען הינטער אַ בוים עסנדיק שוואַרצע יאַגדעס פון אַן ערדענעם קריגל. דוואָשע האָט זיך טאַקע „בשעת מעשה" געהאַט פאַרלאָרן און געוואָלט אַ געשריי טאָן: שייקע! נאָר זי איז גלייך געקומען צו זיך, איז געשטאַנען אַ ווײַלע, זיך גוט צוגעקוקט צו זיי און האָט זיך אין דער שטיל אומגעקערט אַהיים. צום אָנפאַנג האָט זיך אפילו דוואָשע געשלאָגן מיט דער דעה: דערציילן איטשע הערשלען אָדער ניט דערציילן? די ענדע איז אָבער געווען אַז דוואָשע האָט יאָ דער־ציילט.

אַז איטשע הערשיל האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן און זיך צעהיצט אויפן קול:

— וואָס, מיט דעם פערד גנבס טאָכטער, מיין שייקע מיט פּיני דעם באָנדערס טאָכטער אין וואַלד! איך לויף שוין אַוועק דאָרטן און איך צעפּראַסקע אים זיין טרפהנע צורה.

דוואָשע האָט אים אָבער אָפּגעהאַלטן: „וואַרט, זיי ניט אַזוי צע־היצט, שייקע קומט באַלד אַהיים, אַז מיר וועלן ריידן צו אים מיט גוטן, וועלן מיר אַ סך מער אויספירן. שייקע איז אַ גוט קינד און ער וועט אונז ניט פאַרשוואַרצן די משפחה".

צום אָנפאַנג האָט זיך שייקע ניט געלאָזן ריידן.

— וואָס הייסט, איר וועט מיר ניט לאָזן? וואָס גייט עס מיר אָן ווער איר טאַטע איז? יאַספע איז אַ פיינע מיידל און זי געפעלט מיר.

נאָר אַז דוואָשע האָט אָנגעפאַנגען צו וויינען און ברעכן די הענט און איטשע הערשיל האָט זיך פאַרמאַכט אין קאַמער און האָט גענומען אַרומשפּאַנען הין און צוריק, האָט זיך שייקע באַרואיקט און איז אויף מאָרגן פון שטוב ניט אַרויס.

גאַנצע צוויי וואָכן איז שייקע אָפּגעזעסן אין שטוב און אין דאָרף ניט געגאַנגען, און אויף דער דריטער וואָך האָט שוין דאָס גאַנצע

שטעטל געקלונגען מיט די נייס, אַז שייקע איז אַ חתן געוואָרן מיט סנדר דעם מילנערס טאָכטער, די קליין שוואַרץ חנעוודיקע מיכלע וואָס אַנשיל דער שדכן האָט אים נאָך גערעדט מיט אַכט יאָר צוריק און צו דוואָשעס מיט איטשע הערשילס שמחה איז קיין גרעניץ ניט געווען.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיי „מזל־טוב" אָפּגעגעבן און זיך גע־פרייט וואָס שייקע איז אַ חתן געוואָרן. בלויז יאָספּע, זי איז געווען די איין איינציקע וואָס האָט אויף דעם געטרויערט אין דער שטיל.

געצל דער תקיף

ווען איר דערלאַנגט אַ קוק אויף געצלען, אויף זיין „הלוך", אויף זיין לאַנגער קאַפּאָטע מיט דער חסידישער היטל, אסור מיר, אויב איר וואָלט געגלויבט, אַז אָט דער אידל, פירט דאָס גאַנצע שטעטל פאַרן נאָז. איר וואָלט גיכער געזאָגט, אַז אַזאַ אידל, וואָס גייט מיט ביידע הענט אַריינגעשטעקט אין די קעשענעס, מיט דעם קאָפּ אַראָפּ־געלאָזן צו דער ערד, קען קיין צוויי ניט ציילן.

פאַראַן אידן, אַז אימיצער פרעגט זיך אויף זיי, מוז מען אָנגעבן די מלאכה פון דעם מאַן אָדער עפּעס אַ צונעמעניש, אַנדערש קען מען ניט וויסן וועמען מען מיינט, גאַנץ אַנדערש איז אָבער מיט געצ־לען. ווען איר קומט אַריין צו אונז אין שטעטל און איר דערלאַנגט זיך אַ פרעג אויף געצלען, וואָלט אייך אַ קינד אין וויג געבראַכט צו געצלען. געצלען קענען אַלע, אפילו די קריסטן פון מיילן אַרום האָבן געקענט געצלען. ווען איר גיט פּלוצלונג אַ פרעג: וואָס איז געווען געצל? גלויבט מיר, אַז איך וואָלט אייך ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. איז דען עפּעס געווען אַזאַ זאַך וואָס געצל האָט ניט געקענט? פאַר מיין געדענקען, איז געצל געווען אַ בעקער, אַ קצב, אַ שיינקער, אַ וואַלד סוחר, אַ מעקלער, און לאָז ער מיר מוחל זיין, אויך אַ גרויסער עזות פנים. ניט נאָר די „כלי קודש" האָבן פאַר געצלען מורא געהאַט, אפילו פיינע איינגעפונדעוועטע בעלי בתים האָבן אויסגעמיטן זיך צו פאַרטשעפּענען מיט אים, געזונטע שקצים, וואָס לאָזן אַ אידן די גויאישע גאַס ניט דורכגיין, האָבן מורא געהאַט פאַר געצלען, חדר־קינדער האָבן זיך געשראָקן פאַר אים, אפילו זיין אייגענע ווייב, זיינע קינדער, האָבן פאַר אים מורא געהאַט.

מער פון אַלעמען האָבן אויסגעשטאַנען זיינע צוויי שכנים: משה לייב און איטשע קאַפּיצעס, זיי רוען שוין ביידע אויפן „עולם האמת". האָט משה לייב געמאַכט אַ נייעם צאַם אַרום הויז, איז אויפגעוועז

דאָס גאַנצע שטעטל. געצל האָט שוין געבראַכט דעם פּריסטאַוו און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעסטעניש מיט אַ דינגעריי און אויסגעפּירט פאַרשטייט איר דאָך, האָט געצל און ניט משה לייב.

טאָמער האָט איטשע קאָפּיצעס פאַרפלאָנצט אַ באַרנע בוים ביי אים אין סעדל, האָט געצל געמאַכט געוואַלדן אַז מען פאַרשטעלט אים די שיין, און ער אַליין האָט געבויט, געקלאַפּט, געבאַלעבאַטעוועט און געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט.

הינטער געצלס הויז איז געווען אַ לאָנקע. נו, איז ניט געווען דער טאָג אַז עס זאָל זיך ניט טאָן פאַר דער לאָנקע. ניט זינדיק איז שוין געווען דער פערד אָדער די ציג, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף געצלס לאָנקע. אַז געצל פלעגט פאַרכאַפּן עמיצנס אַ בהמה אויף זיין לאָנקע, פלעגט ער דאָס האַלטן פאַרשלאָסן אין אַ פינצטערן שטאָל אַ גאַנצן „מעת-לעת״, און ערשט האָט מען אים געדאַרפט גוט באַ־צאָלן, אַנדערש האָט ער די בהמה פון שטאָל ניט אַרויסגעגעבן.

טאָמער האָט אַ קינד אַ טריב געטאָן זיינע אַ קו, זומער פאַר־נאַכט גייענדיק פון דער פּאַשע, האָט געצל געקענט אַריינגיין אין שטוב און גוט אָנדרייען דעם חברה׳מאַן פאַר דעם אויער. דאָך אַז געצל איז געוואָרן אַ קצב, האָט ער געהאַט מער קונדן פון אַלעמען. געצל האָט זייער גוט געקענט אויסקומען מיט די ווייבער. ער האָט קיינמאָל ניט געזשאַלעוועט אַ ביין אָדער אַ שטיקל לונגן. אמת, געצל האָט קיינעם ניט געגעבן אויף באָרג, אָבער אַ גוטן פונט פלייש אַז מען האָט געדאַרפט האָבן, איז מען געגאַנגען צו געצלען.

דערפאַר האָט דער שוחט געהאַט פון אים געברענטע צרות. אַז געצל האָט געהאַט אַ קעלבל אָדער אַ קיעלע צום שחטן, האָט דער שוחט געמעגט האַלטן אין מיטן „שמונה עשרה״, האָט ער גלייך געמוזט מיט אים גיין. און טאָמער „חלילה וחס״, אַז ביי אים איז טריף גע־וואָרן די „שחיטה״, און ביי פּנחס דעם קצב ניט, איז געווען הימל עפן זיך. אפילו יאָסל זשוליק, וואָס איז געווען פון די קנאַפּע שרע־קעדיקע אידן, האָט אין דעם מאָמענט מיט געצלען קיין מחזקות ניט געמאַכט. דערפאַר איז געווען „ליהודים״ אין שטעטל, ווען געצל האָט געהאַט די בעקעריי. עס איז ניט געווען דער „שבת״ אַז עס זאָל ניט זיין קיין „עכוב הקריאה״. געצל ברענגט הויזון פון שטאָט

און וויל ניט קויפן ביים רב. עס העלפט ניט קיין התראות, געצל טוט זיינס. ערשט, אַז די איבעריקע בעקערס האָבן געמאַכט אַ ויצעקו און דער רב האָט געהאַלטן ביים אויסרופן אַ חרם, האָט זיך געצל אונטערגעגעבן. די בעקעריי האָט געצל לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. וויפיל זיין ווייב און זיין עלטערע טאָכטער האָבן זיך ניט געסטאַרעט נאָכ־צומאַכן אברהמ'קע שקאָפּס געפלאָכטענע חלה מיט די פּאָשליאַדקעס, איז דאָס אַלץ ניט ארויסגעקומען פויגלדיק, און פון אַרויסגעבן אַ בעסערן ראַזעווען שטיקל ברויט פון סוטשיכעס, איז דאָך אָפּגערעדט, אַז זיי האָבן ניט געקענט. ערשט אַז ער האָט געעפנט דעם שיינק אין סאַמע מיטן פון מאַרק, איז געצל געוואָרן דער אמתער תקיף. ערשט דאַן האָבן חברה אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר אים. דער פּריסטאַוו מיט דעם אַקציזנעם זיינען געוואָרן זיינע פריינט, און פון דעם אוראַדניק מיט דעם קאַלאַדעשניק איז דאָך אָפּגערעדט. פאַר אַ גלעזל ביטערע מיט אַ שטיקל הערינג, האָט פון זיי געצל אַרויס־געקראָגן וואָס ער האָט באַדאַרפט. טאָמער האָט זיך ביי אים אַ גוי, אַ דבר אחר, אָנגעשכורט, האָט געצל איינגעשפּאַנט דעם פערד און וואָגן און אים אַוועקגעפירט אונטערן שטאָט.

אַז דער רעוויזאָר האָט געדאַרפט קומען אין שטעטל, האָט אוי־סער געצלען קיינער ניט געוואוסט. ביי וועמען מען האָט געפּאַקט בראָנפן, טאַבאַק, און ביי געצלען, וואָס אַ גאַנץ יאָר איז ביי אים דאָ מער בראָנפן ווי אין מאָנאָפּאָל, און אַז דער רעוויזאָר קומט, איז ביי אים ערב פסח, מער ווי אַ גלאָז ביר און אַ פלעשל קוואַס קענט איר ביי אים ניט געפינען. דעם שיינק האָט שוין געצל אָנגעהאַלטן ביז דער מלחמה. ער האָט אפילו געהאַט אַביסל צרות פון זיינע שכנים, פון משה לייבן מיט איטשע קאַפּיצעס, וואָס האָבן אים אויף להכעיס געעפנט שיינקען און פאַרדונגען איינער צו שצירביקן און דער צווייטער צו קאָסטעקן, נאָר געצל האָט זיי ביידן געמאַכט צו לייט. עס האָט ניט גענומען לאַנג און די שיינקען זיינען צוגעמאַכט געוואָרן.

געצל איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַליין, איר האָט אים קיינ־מאָל ניט געזען פאַרברענגען מיט עמיצן. געצל איז קיינמאָל ניט געגאַנגען צו אַ ברית און צו אַ חתונה, און אַז ער האָט חתונה געמאַכט

זיין עלטערן זון, האָט ער גאַנץ שטאָט צעשיקט בילעטן. אַז געצלס זין האָבן געדאַרפט שטיין צום פּריזיוו, האָט שוין דער סטאַראָסטע געוואוסט וואָס ער האָט צו טאָן. מיט געצלען דינגט מען זיך ניט, און געצלס קינדער האָבן טאַקע ניט געדינט. טאָמער האָט זיך מיט איין קינד זיינעם אַביסל פאַרהאַקט, האָט מען אים שפּעטער אַרויס־געגומען פון פאָלק. זיינע קינדער האָט דוקא געצל געגעבן צו די גרעסטע מלמדים, האָט געוואָלט פון זיי מאַכן רבנים, אַזוי ווי יאַנקל אברהם שלמהס. נאָר מער ווי זיין משהל, האָט זיך ביי אַ שטיקל גמרא ניט אָפּגעשטעלט. אַז געצל פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין הילצער־נעם „בית מדרש״ און הערן ווי זיין משהל מיט זיידעלע דעם רימערס לערנען אַ בלאַט גמרא אויפן קול האָט איר דאַן ביי אים אַלץ געקענט פועלן. און אַז דער „שמש״, פלעגט צושיקן צו אים אַן אַרעמאַן, פלעגט שוין געצל אַריינרופן דעם אַרעמאַן אין שטוב אַריין און אים געבן גוט אָפּצועסן.

וואָס געצל האָט ליב געהאַט, איז געווען אַ מגיד. צו הערן אַ מגיד, וואָס צעזאָגט זיך מיט אַ האַרציקן ניגון, וואָס דערציילט שיינע מעשהלאַך מיט משלים, האָט געצל געקענט גיין פאַר מיילן ווייט. אַ מגיד איז ביי אים געווען דאָס לעבן. און טאָמער איז געקומען אַ מגיד וואָס האָט ניט געקענט זינגען און געבן משלים, האָט געצל געזאָגט, אַז ער איז אַ גראָבער יונג און אַז מען באַדאַרף אים פון בימה אַראָפּ־שליידערן. און טאַקע צוליב די מגידים איז געצל אַוועק פון מויער בית מדרש. אין מויער בית מדרש האָט אַ מגיד געדאַרפט האָבן „זכות אבות״ אַז מען זאָל אים לאָזן רעדן. אויסער דעם רבס הסכמה, האָט דער מגיד געדאַרפט „נושא חן״ זיין ביי אברהם שלמהן, מאָטיע לימאָן, ישראל יענקלען, אַזעלכע אידן וואָס קענען אַליין אָפּזאָגן אַ גוטע דרשה. אמת, אין הילצערנעם בית מדרש זיינען אים ניט געווען צום האַרצן די חזנים, באַזונדערס דוד יעקב, וואָס לאָזט קיינעם צום עמוד ניט צו, דערפאַר איז דאָרט יעדן שבת געווען אַ מגיד און אַמאָל אין דער וואָכן אויך.

אין די זומערדיקע שבתים האָט געצל געגליכן גלייך נאָך דעם עסן אַוועקגיין אויף דער לאַנקע, אויסציען זיך אויף דעם גראָז, און צוקוקן זיך ווי די געפּענטעטע פערד שפּרינגען אַרום און פרעסן די

קענישינע. געצל פלעגט אַזוי אָפּליגן ביז מנחה צייט. נאָך מנחה פלעגט געצל שטיין פאַרן גאַס, אָפּוואַרטן דעם פאַסטוך און פאַר־טרייבן זיין פערעסטע קו אין שטאַל אַריין. מיט זיין ווייס פערדל האָט זיך געצל אַזוי ניט אָפּגעגעבן ווי מיט דער קיעלע, מיט דעם פערד האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעגבן זיין לייזער, אַ שטילער ברייט ביייניקער בחור.

פריילאַך אויפגעלעבט פלעגט זיין געצל ווען ער פלעגט אַריינ־פאָרן אַ פויער אין באַק אַריין, דאַן האָט געצל געפילט אַז ער איז אַ תקיף. וואָרים ווער נאָך וואָלט געהאַט מוט צו אַזאַ זאַך? געוועזן אפילו אַזעלכע וואָס האָבן דערציילט „נסים ונפלאות״, אַז זיי האָבן זיך געשלאָגן מיט דאָרפישע פויערים, אָבער ווער האָט דאָס געזען? אָט אַזוי פלגט געצל נאָכהער זיך באַרימען אין בית־מדרש צו מעריב.

און ווי אַזוי צו געצלען קומט אַזאַ תקיפות, אַזאַ מוט, ווייס איך עד היום ניט.

דער אונטער שמש

אַז איך האָב דערקענט אברהם בערלען דעם אונטער שמש, פון דעם מויער בית־מדרש, איז ער שוין געווען אויס תקיף, כמעט אין גאַנצן אַן אויסגעשפּילטער. אַנשטאָט אַן עמער וואַסער פון משה טויבעס ברונעם, וועלכער איז בסך הכל געווען אַ שפּאַן פון בית־מדרש, האָט ער שוין ניט געקענט, אַראָפּנעמען די שפּין־וועבס פון דער סטע־ליע, האָט ער שוין קיין כח ניט געהאַט און פון איבערשפּאַלטן אַ שטיקל האָלץ איז דאָך אָפּגערעדט אַז דאָס איז שוין ניט געווען פאַר זיינע כחות. נו, האָט ער געהאַלטן אַנדרייקען, דעם שבת גוי, און פאַר אַ שטיקל הערינג, האָט אַנדרייקע אָנגעגאָסן אַ פולן האַנט־פאַס מיט וואַסער, איבערגעשפּאַלטן און אָנגעטראָגן אַ „בית שני״ מיט האָלץ און ווינטער דעם שניי אָפּגעראַמט פוןביידע אריינגאַנגען.

דעם בית־מדרש פלעגט אברהם בערל אויסקערן איינמאָל אין וואָך און דאָס פלעגט ער אָנהויבן מיטוואָך, ווייל דאַנערשטיק איז ער געווען פאַרנומען מיט דעם אַרומגיין מיט דער פושקע איבער פּיאַסקעס און פּרייטיק אין שטעטל. מיט דעם „עזרת־נשים״, האָט אברהם בערל כמעט ווי גאַרניט געהאַט וואָס צו טאָן. די ווייבער שול האָט באַלאַנגט צו קאַטשקעליכן, אַן אָרעמע אלמנה מיט קליינע קינדערלאַך. די שווערסטע אַרבעט איז געווען ביי אברהם בערלען דאָס אויספּוצן די פאַרקורעטע גלעזער פון די בליך לאָמפּן און דאָס אָנשמעלצן די ליכט אין די הויכע הענגלייכטער. נאָר אַז מען האָט בטל געמאַכט די לאָמפּן מיט גאַז און מען האָט אויפגעהאַנ־גען זעקס גרויסע בענזין לאָמפּן, אַזוי ווי אין דעם „אהל יעקב״ בית־מדרש, האָט אברהם בערל אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אַ „שבח והודיה״ דערלאַנגט צו דעם וואָס לעבט אייביק, פאַר באַפרייען אים פון די בליך לאָמפּן מיטן גאַז און פון דעם פּוצן אַלע וואָך צוואַנציק גלעזער. מיט די בענזין לאָמפּן איז אברהם בערל געווען

אַ קנאַפּער מחותן, ראשית, האָט ער מורא געהאַט פאַר דעם בענזין מיט די שעטקעס אַזוי ווי פאַר אַ שפּין, וואָס פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין אַ גלאָז פון אַ בליך לאָמפּ, און צווייטנס, האָט מען אים צו די בענ־זין לאָמפּן אין גאַנצן ניט צוגעלאָזן. יעדן פרייטיק פאַר נאַכט פלעגט קומען אַמאָל יאַנקל לייזער שמחהס און אמאָל ישראלקע דער צוקער־ניק און פלעגן אָנצינדן די לאָמפּן. ביי זיי איז דאָס געווען אַ בריהש־קייט, אַ תורה, וואָס ניט אַלע טויגן זיך צו דעם אויס. די איינציקע מלאכה וואָס אברהם בערל האָט געטאָן בשלמות, איז געווען דאָס הייצן די צוויי גרויסע קאַכלנע אויוונס. ביי אברהם בערלען איז קיין מאָל קיין טשאַד ניט געווען און ער האָט קיין מאָל ניט פאַר־מאַכט דעם אויוון ביז ער האָט ניט אַרויסגענומען די שטיקלאַך פאַרעקשנטע האָלאָוועשקעס און זיי דערטרונקען אין אַן עמער וואַסער. צום איינהייצן די אויוונס האָט אברהם בערל קיין גאָז ניט געדאַרפט גיסן אַז דער פייער זאָל זיך צעפלאַקערן און אַרומכאַפּן די שווערע שטיקער האָלץ. אברהם בערל האָט געהאַט אוצרות מיט טרוקענע קאָרע און סמאָלניאַקעס, און אַז ער פלעגט אונטערלייגן אַ פאָר שטיק־לאַך קאָרע מיט אַ שטיקל סמאָלניאַק האָט דאָס געברענט ווי אין גיהנם.

אַז אברהם בערל האָט שוין דאָן געהאַט אויפגעגעבן די מלחמות מיט די חדר־אינגלאַך און אַז די חברה האָבן געטאָן אין בית־מדרש וואָס נאָר זייער האַרץ האָט געגלוסט איז דאָך אָפּגערעדט. וואָרים לאָמיר זיך ניט נאַרן: האָט אברהם בערל עפּעס געקענט אַ סך טאָן בערעלע יעקב מרדכיס, אָדער מאַיעינע גימזשעס, מיט ישראלקע שמי־צעלס, אַז זיי האָבן זיך אַריינגעכאַפּט דורך אַ „בית שני" פענצטער אין בית־מדרש און האָבן זיך אַוועקגעזעצט הינטערן אויוון שפּילן אַן איין־און־צוואַנציק, אָדער באַקן בולבעס און סמאַליען אַ געזאַלצע־נעם הערינג? אמת, ער פלעגט זיי שילטן מיט טויטע קללות און פלעגט באַהאַלטן פון זיי די ליכט, האָט אָבער בערעלע יעקב מרדכיס געהאַט אַנאַך שליסל, אַזאַ אויסגעבויגענעם טשוואַק, וואָס פלעגט עפענען אברהם בערלס שופלאַד פון עמוד און ער פלעגט זיך אָננעמען ליכט אויף אַ גאַנצער וואָך. און אַז די קינדער פון משה נחומס חדר פלעגן זיך אַריינכאַפּן נאָכן חדר שפּילן אין קנעפּלאַך און אין קאָרקעס

און פלעגן אויסטאַפּטשען אַלע בענק און איבערקערן די סטענדערס, נו, האָט ער זיי עפּעס אַ סך געקענט טאָן, מער ווי גוט אַנשילטן זיי מיט זייערע טאַטעס האָט ער ניט געקענט. אויף קיין זאַך איז אברהם בערל אַזוי ניט געווען „מלא חמה", ווי אויף די אַנגעשיילטע יאַדרעס וואָס ער פלעגט געפינען שבת אין דער פרי אין בית־מדרש. און וואו נאָך פלעגן זיי זיך פאַרקלייבן, דוקא אין מזרח, לעבן רבס שטאָט און אַרום בימה, אין סאַמע גלאַנץ פון בית־מדרש.

פרייטיק צו נאַכט נאָך דעם עסן, פלעגט אברהם בערל ניט קומען אין בית־מדרש, דעם שליסל פלעגט האָבן לייזער איטשע הער־שעליכעס און ער פלעגט שוין עפענען דעם בית־מדרש. פרייטיק אָונט, האָט אברהם שלמה געלערנט פאַרן עולם חומש ביי איין טיש און ביים צווייטן טיש איז געזעסן שעפּסל דער וויינער ביי אַ גמרא, אהרן הערש מיט חיים וועלוולען און דער אַלטער פּרוש ביים משניות. וואָרים און ליכטיק איז געווען, נו, פלעגן זיך פאַרקלייבן די קינדער מיט פולע קעשענעס יאַדרעס און זיך דערציילן מעשיות און אויף מאָרגן אין דער פרי איז דער גאַנצער בית־מדרש געווען פאַרזייט מיט דעם שאָלעכץ פון די אַנגעשיילטע יאַדרעס.

וויפיל אברהם בערל האָט ניט געשריען און געשאָלטן, און די קינדער האָבן געטאָן זייערס. אפילו די אָרעמעלייט, וואָס פלעגן דורכ־גיין דאָס שטעטעלע, און דער שטענדיקער פאַרקלייבן זיך זייערער איז געווען אין הילצערנעם בית־מדרש, האָבן אויפגעהערט האָבן „דרך ארץ" פאַר אברהם בערלען.

אברהם בערל האָט קיין אָרעמאַן ניט געלאָזן איבערנעכטיקן אין בית־מדרש, אפילו אַ פּעקל האָט אַן אָרעמאַן ניט געקענט איבערלאָזן צווישן אויוון, אויב נאָר אברהם בערל איז דערביי געווען, נאָר גלייך ווי זיי האָבן דערזען וואָס בערעלע יעקב מרדכיס מיט זיינע חברים טוען אָן אין בית־מדרש, האָבן זיי שוין אין קאַלטן און אָפּגעלאָזענעם „הקדש" ניט פאַרשמעקט. אפילו דער שטומער אָרעמאַן, וואָס פלעגט זיך אַרומשלעפּן איבער דעם שטעטל גאַנצע דריי וואָכן, האָט זיך אין מויער בית־מדרש שלאָפן איבערגעפּעקלט. אברהם בערל האָט אָבער דערצו גאָרניט געקענט העלפן און מער ווי מיט קללות האָט ער זיין כעס און צאָרן ניט געקענט שטילן. די איינציקע גוטע זאַך וואָס

אברהם בערל האָט איינגעפּירט און וואָס מען האָט אים געפּאָלגט ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין „ממשלה" איז דעם ניט אַנוואָרפן ספרים אויף די טישן און אויף די פענצטער. האָט אַ בעל הבית גענומען אַ גמרא אָדער אַן אַנדער ספר פון די פּאָליצעס האָט ער געוואוסט אַז ער מוז דאָס אַריינשטעלן צוריק אויף דעם זעלבן אָרט. אפילו משה יודל דעם רבס, וואָס האָט געהאַט אַ טבע אַנצוואוואָרפן דעם גאַנצן טיש מיט ספרים, האָט זייער זעלטן איבערגעלאָזן אַ ספר אויפן טיש נאָך דעם לערנען. אברהם בערלס שכירות איז באַשטאַנען פון פינף און זיבעציק רובל אַ יאָר מיט דער הכנסה. ווען אברהם בערל וואָלט געוועז אַ גוטער גייער, וואָלט אים די פּושקע אַריינגעטראָגן מער ווי זעקס גילדן אַ וואָך. קאַטשקעליכע, די שמשטע פון „עזרת נשים", פלעגט מאַכן צוויי מאָל אַזוי פיל. אויסער דעם וואָס אין די גרויסע פרעסט און שנייען פלעגט זיין פוס אויף פּיאַסקעס ניט קומען מיט דער פּושקע, וואָס דאָרטן האָבן געוואוינט אַלע פאַבריקאַנטן, וואָס ווינציקער פון אַ זעקסער האָבן זיי קיינמאָל ניט געגעבן, איז ער צו די צרות נאָך געווען אַ שלעכטער מאַנער. האָט אַ בעל הביתטע ניט געהאַט קיין קליינגעלט אָדער אַ קינד איז געווען אין הויז, האָט אברהם בערל דעם צווייטן פרייטיק זיך דערפון געמאַכט ניט וויסנ־דיק. אברהם בערל האָט פיינט געהאַט דאָס צוחנפענען זיך צו אַ בעל הבית, און האָט זיך קיין מאָל ניט געדרייט אַרום אַ בעל הבית אין דעם טאָג ווען ער האָט געהאַט יאָרצייט. איר האָט ביי אים קיין מאָל ניט געוואוסט ווער עס גיט „כבוד יום טוב" און ווער ניט, ווער עס גיט אים אַ גילדן חנוכה געלט און ווער אַ פופציקער אָדער אַ זילבערנעם רובל. האָט זיך געמאַכט ביי אַ בעל הבית אַ שמחה, אַ ברית אָדער אַ חתונה, האָט אברהם בערל זיך קיין מאָל ניט געשטופּט צום טיש, אויב מען האָט אים ניט גערופן. אפילו ערב יום כפור ביי די קערות, האָט מען אברהם בערלען ניט געזען זיצנדיק ביי זיין טעלער.

עס האָבן זיך אפילו געפונען „בעלי בתים" וואָס האָבן אַביסל צוגעמורמלט. הלמאי אברהם בערל האָט אַריינגענומען דעם שכורן אַנדרייקען אין בית־מדרש אַריין און זיינען געווען מיט דעם מיינונג אַז מען זאָל אברהם בערלען אָפּזאָגן און צונעמען ברוך שלמהן אויף

זיין אָרט. דער עולם האָט דאָס אָבער ניט דערלאָזן. וואָס הייסט, נעמען אויף דער עלטער און אָפּזאָגן אברהם בערלען, ער האָט דאָך אַ האַלבן לעבן זיינעם אָפּגעגעבן דעם בית־מדרש ?!

אמת, דער בית־מדרש איז געוואָרן פאַרלאָזן, די ווענט פאַר־צויגן מיט שפּינוועבס, די פענצטער פאַרשמוציקט פון די פליגן, נאָר כל זמן אברהם בערל איז געלעגן אויפן טויטן בעט נאָך מיט אָפענע אויגן, האָט מען קיין אַנדער שמש ניט ארייַנגענומען. זיי האָבן דאָס ביי זיך ניט געקענט פועלן.

ירוחם דער גלוח בלאָזט שופר

עס מעג אפילו די וועלט אונטערגיין, און אהרן הערש מעג אפילו איך ווייס ניט וואָס, און דעם יאָר בלאָזט „ירוחם דער גלוח״, אָדער ווי דער אַלטער וועוקע רופט מיך, ירוחם דער קאַרטעטשניק, שופר. מער וועט זיך שוין ירוחם ניט לאָזן פירן פאַר דער נאָז. וואָס הייסט מיר ירוחמען, זאָגן א דעה, פאַר מיר האָט דער פּריסטאַוו דרך ארץ, און דאָ זאָגן מיר קבצנים גאָר א דעה. ניין, ניט מער. און איך וואָלט טאָקע געוואָלט זען דעם עזות פּנים, וואָס וועט ניט לאָזן. מיר דוכט זיך, אז קיין לעבעדיקער וואָלט שוין יענער פון מיינע הענט ניט ארויס־געקומען. זיי מעגן זיך דעם יאָר שטעלן אלע דובאָם, און א בוידעם וועלן זיי ביי מיר דעם מאָל אויספירן.

ירוחם וועט א מינוט פאַר שול גיין, להכעיס אלעמען, אריינ־גיין זיך אָפּראַזירן ביי דיאַדקע דעם שערער און „ראש השנה״ שטיין ווי א העלד אויף דער בימה, אויג אויף אויג מיט דעם רב און מיט אהרן הערשן, דעם בעל־מוסף, וואָס פאַרטויבט און פאַרשרייט מיט זיין זויערע ציטראַנאַווער שטימע, און בלאָזן שופר, אז ניט נאָר דער „שטן״ און די אלע איבעריקע „מזיקים״ וועלן קיין שליטה ניט האָבן, נאָר אפילו די שטענדיקע שרייערס, די כשר׳ע אידן וועלכע האָבן אויף זייער לעבן קיינמאָל אַן אָרעמאַן „א גמילות חסד״ ניט געגעבן, וועלן ניט וואָגן צו לא יחרץ׳ן.

מער ווי ביי קליין שטעטלדיקע פאַרשמאַלצענע אידן, קען אַזאַ ווילענציע ניט פאַרלויפן. עס איז דאָך ממש נאָר צום לאַכן: זרח דער פראַצענטניק מיט דער לאַנגער באָרד און גנבה׳שע פּאות, וואָס רייסט אָפּ די הויט פון די קרעמערס און נעמט פון אלעמען הויכע בייסנדע פּראָצענטן, וואָס האָט שוין א שיינע עטלעכע מאָל אַנגעזעצט און פאַרכאַפּט יתומים׳שע געלט, מעג זיך שטעלן „ראש השנה״ מיט דעם לאַנגן ווייסן קיטל און בלאָזן שופר, אז אָט דער פאַלשער מאַן

צוכליפּעט זיך לפנים וועגן צו די זעקס פסוקים פון „קרע שטן", איז דער קהל יוצא מיט שופר, און אז איך, ירוחם דער פאַבריקאַנט, וואָס די גאַנצע שטעטל לעבט פון מיר, וואָס איך האַלט אויס די תלמוד תורה, דעם בקור חולים, וואָס צוטיילט יעדן ווינטער צען קלאַפּטער האָלץ פאַר אָרעמע אין שטעטל, וואָס גיט יעדן יאָר הונדערט פוד ווייץ „מעות חטים", וואָס האָט איינגעאָרדנט די פּאָזשארניע, און וואָס ניט, איז אַזאַ איד ווי איך, טאָר ניט בלאָזן שופר. איך בין גאָר אין גאַנצן קיין איד ניט, און דער „קהל" וועט ניט יוצא זיין מיט שופר, אויב אַזאַ איד ווי איך וועט בלאָזן. נו, פרעג איך אייך איז דאָס ניט קיין האַרץ קלעמעניש ?

מער ווי אויף אַלעמען פאַרדריסט מיר אויף דעם רב. ווער און ווער עס רעדט, ער האָט באַדאַרפט שווייגן. אסור זאָל מיר זיין, אויב נאָך אימיצער פון די פאַבריקאַנטן שטעלט זיך אזוי פיין ווי איך. וואָס, אפשר יודעל גיט אים א גאַנצן פינף־און־צוואַנציקער „מכירת חמץ" געלט ווי דער נאַרישער ירוחם ? ער וועט זיך גיכער לאָזן ארויסנעמען אַלע ציין פון מויל ווי געבן א פינף־און־צוואַנציקער, און נאָר דאָס ? עס איז דאָך ניטאָ דער „יום־טוב" אז איך זאָל אים ניט אריינטראָגן כבוד יום־טוב געלט. נו, פרעג איך אייך, האָט ער באַ־דאַרפט זיך אַזוי שטעלן, אז דוקא זרח דער אַנזעצער זאָל בלאָזן און ניט ירוחם ? מיר וועלן זיך ניט לאָזן נאַרן, ווען איר זייט דאָס אויף מיין אָרט, וואָלט אייך ניט געברענט אין האַרצן ווי אַ העלישער פייער ?

דערפאַר האָב איך טאַקע דעם יאָר געזען אין אלעמען א נקמה, זיך נוקם געווען פאַר דער גאַנצער צייט וואָס מען האָט מיר אזוי פאַרשעמט. ניט נאָר וואָס איך האָב דעם יאָר געבלאָזן שופר, נאָר די גאַנצע שול אידן מיט דעם רב בראש, זיינען מיר איינפאַך צו די פיס געפאַלן אז איך זאָל גיין בלאָזן שופר. זרח דער פראַצענטניק האָט מיר אליין צוגעטראָגן זיין נייעם קיטל מיט דעם שוואַרצן שופר און האָט מיר אויף דער בימה ארויפגעפירט. איך פאַרשטיי דאָך אז אייך מאַטערט דער געדולד צום וויסן ווי אזוי ווערט דאָס פלוצלונג אַזאַ „מהפכה" אַזאַ ענדערונג, אז דער רב און זרח זאָלן אליין מיר בעטן גיין בלאָזן שופר און איך זאָל זיך נאָך לאָזן כלומרשט בעטן —

טאָ הערט זשע מיר טאקע אויס, ווער אייך הנאה טאָן ווי אזוי ירוחם דער „גלות" האָט אָפּגעטאָן אויף טערקיש א גאַנצע שטעטל אום ראש השנה.

ביי אונז אין שטעטל איז מער ווי איין שול ניט געווען. ערב ראש השנה נאָך דעם דאַוונען, גלייך ווי אברהם בעריל דער שמש האָט פאַרשלאָסן די שול, האָב איך זיך אריינגעגנבעט דורך א פענס־טער אין שול אריין און האָב ארויסגענומען די דריי שופרות פון עמוד, און זיי פאַרשטאָפּט מיט וואַטע ביז אין סאַמע מיטן און זיי איינגע־וויקלט אין זעלבן צוריסענעם טלית און זיי צוריק אין עמוד אריינ־געלייגט און פאַמעלעך זיך דורך דעם פענצטער ארויסגעכאַפּט. קו־מענדיק אהיים האָב איך אויסגעבויגן א שאַרפן דראָט אז די וואַטע זאָל זיך גלייך ארויסנעמען ווען איך וועל שטיין אויף דער בימה אריבערגעוואָרפן אויפן קאָפּ מיט דעם טלית.

אויף מאָרגן צום שופר בלאָזן איז ווי שטענדיק ארויף אויף דער בימה דער רב, אהרן הערש, זרח און דער אלטער פּרוש. דער שמש האָט אונטער דעם טישטוך אוועקגעלייגט דעם שוואַרצן שופר און זרח האָט אויסגעשריען „למנצח".

אָפּזאָגנדיק די זעקס פּסוקים, האָט זרח דעם טלית אויסגעגלייכט, מיט א טיכל די אויגן אויסגעווישט, געמאַכט די ברכה און דעם שופר צו די ליפּן גענומען.

„תקי־עה, זינגט אויס דער רב, זרח ווערט רויט ווי א בוראַק, ניט פון אָרט... גיט א ברום, גיט א בלאָז, ער דרייט זיך אהער און אהין, ווישט די ליפּן און עס גייט ניט. דער שמש ברענגט די איבע־ריקע צוויי שופרות, די זעלבע זאַך, עס בלאָזט זיך ניט. אהרן הערש וואָס האַלט זיך פאַר א גאַנצן בלאָזער, וואַרפט זיך אריין אין קיטל און נעמט דעם שופר צו די ליפּן, מאַטערט זיך און מאַטערט זיך און ניט פון אָרט. א פּחד, א אימה איז אויף אלעמען געפאַלן. דער „שטן" לאָזט ניט בלאָזן און גאָט ווייס וואָס פאַר א גזר עס ווער אַראָפּ אויף דאָס שטעטל. די אלטע אידן שטייען מיט בלייכע פּנימער, צושראָקענע. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אויף זייער לעבן, וואָס אַזאַ זאַך זאָל פּאַסירן. דער רב אליין האָט גענומען דעם שופר און גיט א תקיעה. וויפיל אידן עס זיינען געווען אין שול האָבן אלע גע־

פרואווט בלאָזן... און איך שטיי מיר ווי ניט מיר מיינט מען עס, און קוק זיך צו ווי אַלע שטייען צושראָקענע, ווי די פרויען קוקן אַראָפּ פון אויבן און די קליינע קינדערלעך טוליען זיך צו זייערע טאַטעס און פאַרבאַהאַלטן זיך אונטער די טלתים פון שרעק.

זאָל ירוחם גיין בלאָזן שופר, הער איך ווי דער רב זאָגט צו אהרן הערשן, אפשר צוליב דעם זכות פון זיין צדקה טיילן, וועט דער שטן קיין שליטה ניט האָבן. איך גיי אָבער ניט, איך לאָז זיך בעטן, איך וויל אַז דער רב אליין זאָל מיר קומען בעטן. און כך הוה, דער רב מיט זרחן זיינען אַראָפּ פון בימה און מיר געהייסן גיין בלאָזן שופר.

זרח האָט מיר געגעבן זיין נייעם קיטל וואָס ער האָט זיך געמאַכט אויף דעם ראש השנה, איך האָב זיך איבערגעדעקט מיטן טלית איבערן קאָפּ און קונציק די וואַטע פון שוואַרצן שופר אַרויסגענומען.

„תקיעה“, זאָגט דער רב מיט אַ וויינענדיקן ניגון. איך נעם דעם שופר צו די ליפּן און עס גייט אַרויס אַ תקיעה, שברים, תרועה!... און עס קלינגט אַ שברים תרועה. איך האָב אָפּגעלאָזן די דרייסיק קולות און אַלע האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

בת־שבע

נאָך אין דעם זעלבן אָוונט ווען איך האָב ביי זיי דעם צימער געדונגען, האָט מיר שוין איר מוטער די גאַנצע האַרץ אירס אויס־דערציילט. עס האָט מיר אפילו גאַנץ ווינציק אָנגעגאַנגען אירע אַלע מעשיות און כאַנדראָניעס, מיינע געדאַנקען זיינען גאָר געווען פאַר־נומען מיט דעם „לייענען" וואָס דער „ראש־הישיבה" האָט מיר אַרויס־געגעבן. נאָר ווען זי איז צוגעקומען צו בת־שבען, איר עלטסטע טאָכטער, וועלכע לערנט אין גראָדנער גימנאַזיע און האָט מיר אָנגעהויבן אויסצורעכענען אירע מעלות, שילדערן אירע שוואַרצע אויגן, איר רעדן, שמייכל — האָב איך ווי דער אמת זאָגנדיק, פאַרגעסן אָן דער ישיבה, אָן דעם משגיח מיט דער שפּיציקער בערדל, און אָן דעם שווערן „לייענען", וואָס כ'האָב ביז מאָרגן אין דער פרי געמוזט וויסן, און געקוקט גלייך אין די אויגן פון מיין באַלעבאָסטע וועלכע האָבן בשעת מעשה אַ טרער אַרויסגעגאָסן, און געשלונגען יעדן וואָרט וואָס זי האָט וועגן איר דערציילט...

עס איז מיר קיין נאָווינע ניט געווען צו הערן ווי אַ מוטער זאָל לויבן איר קינד, נאָר כ'ווייס ניט, עפּעס האָט מיר די האַרץ געזאָגט, געקלאַפּט עפּעס אַזוי מאָדנע, אַז בת־שבע דאַרף טאַקע אַזוי אויסזען. אין איר מוטערס טרערן האָב איך געזען, געלייענט, אַז בת־שבע איז עפּעס אַנדערש ווי אַלע מיידלאַך, מיט וועלכע איך בין געווען באַקאַנט. דעם אָוונט האָב איך שוין מער אין „ישיבה" ניט געגאַנגען. כ'ווייס ניט, עפּעס האָט זיך מיר געוואָלט זיצן און הערן פון בת־שבען. איר בילד וואָס די מוטער אירע האָט מיר געוויזן, האָט זיך מיר פון האַנט גאָרניט געוואָלט אַרויסלאָזן, און כ'האָב זיך מיר אַזוי כסדר געזעסן און געבלעטערט בת־שבעס אַלבום, ביז עס איז גוט שפּעט אין דער נאַכט געוואָרן. איך האָב דאָן דעם

פייער אויסגעלאָשן און שלאָפן געגאַנגען. די אויגן האָבן זיך אַזוי גיך ניט געשלאָסן, ניט געלאָזן האָט זיי בת־שבע... ווי גערעדט צו מיר וואָלט איר באַהנטער שמייכל אויף די ליפּן, און געזאָגט: דו אָרעמער, הייליקער קלויזניק! דו געפינסט אין מיר אַ טיפע הייליקע נשמה! דו געפינסט אַ האַרץ וועלכע איז פול מיט לעבן, פול מיט האָפענונג, נאָך קיינער ניט גענאָסן האָט פון מיין לעבנס־לוסט, נאָך קיינעם פון מיין מיידלשן רייץ אַ געלעגנ־הייט ניט געגעבן... דו געפינסט אין מיר אַ פּאָר שלאַנגישע שוואַר־צע אויגן, וועלכע קוקן אַזוי מילד, אַזוי ווייך. דו געפינסט אין מיר אַ פּאָר ברענענדיקע דורשטיקע ליפּן, וועלכע האָבן נאָך קיינמאָל די „תאווה" געלאָשן, וועלכע האָבן נאָך קיינעם געקושט... ניט שליס דיינע אויגן אַזוי גיך, ניט לאָז מיין „בילד" אין דעם קאַלטן אַלבום ליגן, נעם עס, ער איז פאַר דיר, פאַר דיר...

ווי פאַרוויגט וואָלטן מיר אירע אויגן, ווי פאַרזונגען וואָלטן מיך די זיסע קלאַנגען פון איר מילדער צאַרטער שטימע. און כ'בין אויף אַ ווילדע אַנשלאָפן געוואָרן. פאַרטאָג, ווען איך האָב זיך אַזוי געלעגן מיט אָפענע אויגן און זיך צו מיין צימער צוגעקוקט, האָט זיך צו מיר אַ שמועס אין דער שטיל דערטראָגן וואָס בת־שבעס מוטער האָט צו איר איינגערער טאָכטער גערעדט: דו ווייסט, מיר שיינט אַז בת־שבע וואָלט געגליכן אָט דעם קלויזניק, ער קוקט אויס צו זיין אַ באַלעבאַטיש קינד. ער האָט אַזוי גוט געגליכן צו הערן נעכטן ווען איך האָב וועגן בת־שבען גערעדט. וואָס זאָגסטו, כ'מיין אַז מען דאַרף איר שרייבן זי זאָל קומען צופאָרן אויף שבת?...

יע, האָביך געטראַכט: זאָל זי קומען, זאָל זי קומען...

אין דער פרי, ווען די באַלעבאָסטע האָט מיר בת־שבעס אַדרעס געבעטן אָנשרייבן, האָב איך אַ גערוס צו איר אַריינגעגנבעט אומבאַ־קאַנט, און כ'האָב מיר אָוועק אין דער ישיבה, וואו מיין „יום הדין" האָט זיך גלייך געדאַרפט אָנהויבן. כ'ווייס ניט וועמענס זכות מיר איז דאָן בייגעשטאַנען, נתפעל געוואָרן איז דער „ראש־הישיבה" פון מיין טיפקייט און פאַרשטיין דעם לערנען, און גרינגער איז מיר גע־וואָרן אויפן האַרצן.

ש. קרינסקי

דעם גאַנצן טאָג האָב איך אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט, צעטראָגן, די קאָפּ אויפן סטענדער אָנגעשפּאַרט און געחלומט: אַט באַלד, אַט באַלד, וועט שוין זיין בת־שבע.

ניט איין מאָל האָט מיר דער „משגיח״ באַמערקט, אַז ער האָט מיר נאָך היינט לערנענדיק ניט געזען. אויך די באַלעבאָסטע איז שטאַרק אומרואיק געווען, וואָס איך האָב דעם גאַנצן טאָג כמעט גאָרניט געגעסן. נאָר גיי דערצייל זיי אַ מעשה... אמת, די באַלע־באָסטע האָט זיך יאָ אַביסל אָנגעשטויסן...

עס איז דאָן דאָנערשטיק געווען. די נאַכט האָב איך שוין אַהיים שלאָפן ניט געגאַנגען, און געבליבן זיצן אַ „משמר״ מיט נאָך אַ פּאָר קלויזניקעס אַ גאַנצע נאַכט אין ישיבה.

כ׳ווייס ניט, עפּעס האָט זיך די נאַכט דוקא גוט געלערנט. עפּעס ווי אַ זינדיקער האָב איך זיך געשפּירט. קיינע וואָכעדיקע געדאַנקען אין „מוח״ ניט געלאָזן אַריינרייסן זיך.

אין אַ ים פון אומעטיקע „נגונים״ האָב איך די נאַכט געשוואומען און מיט געוואַלד בת־שבעס אויגן פון מיר פאַרטריבן, מיט געוואַלד איר פון „גמרא״ אָפּגעשטויסן. און אַזוי איז די נאַכט זיך פּאַמעלאַך פאַרשוואונדן.

אין דער פרי, ווען איך האָב אַהיים עפּעס עסן געקומען, האָב איך זיך מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן באַגעגענט אין מיין צימער, וואו באַגלייט האָט זיי אַ חן־שעמעוודיק שמייכל.

דאָס איז בת־שבע געווען.

דער היימישער ערב פסח

אויף מאָרגן נאָך פורים האָט זיך ביי מיין מאַמען אָנגעפאַנגען דער ערב פסח. ביי וועמען מען האָט נאָך געבאַקן חלה אויף שבת און ביי מיין מאַמען האָט זיך שוין געוויגט די מולטער מיט דער לאָקשן־ברעט אין דער ליווע דאָרטן אַרום אלקנה זשערניקאָווערס קרענעצע. די צוויי הויזשאַפּקעס, האָבן ביי איר צוגענומען אַ גאַנצע וואָך אַרבעט, ביז וואַנען זי האָט זיי געמאַכט פּסחדיק. אויסער דעם קאַלכען די ווענטלאַך און שייערן די פּאָליצעס, פלעגט זי קאָלופּען און בודק חמץ זיין אין יעדן שפּאַרינקעלע. אַז זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט די הויז־שאַפּקעס, האָט זי אַראָפּגעטראָגן פון בוידעם די פּסחדיקע גלאָזוואַרג, די כוסות, גראָפּינקעס, צוקערניצעס, צעוואָשן און פאַרשלאָסן אין הויז־שאַפּקע. די פּאָלאָפּען מיט דער קיך האָט ביי אונז געקאַלכט האַנדזע, אַ סלוטשאַנקער שיקסע, די מאַמע איז געווען צו שוואַך פאַר דעם, כאָטש עס איז געווען אַזעלכע שווערע צייטן, וואָס די מאַמע האָט גע־דאַרפט לייען די זעקס גילדן צו באַצאָלן פאַר דעם קאַלכען. דער טאַטע פלעגט צענעמען די צוויי פאַרליטורטע הילצערנע בעטן און אַרויסטראָגן זיי אין הויף און די מאַמע פלעגט אויסטרייסלען די טשע־ניקעס און אָנשטאָפּן מיט פרישן שטרוי. מיין עלטערע שוועסטער איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט מאַכן פּסחדיק דעם זאַל. די שווער־סטע אַרבעט איז ביי איר געווען אויפצוהענגען די גאַרדינען אויף די פענצטער. ביי איר האָט דאָס געמוזט זיין אויפן פּינטל. יעדע זאַך האָט געמוזט זיין אויפן אָרט. אויך איך און מיין אינגערער ברודער האָבן געהאַט געגוג צו טאָן. אויסער דעם לופטערן די ספרים אויף די ברעטער און אָנהאַקן טרוקענע העלצלאַך צום פּליטע, האָבן מיר געדאַרפט לויפן אַלע ווײַלע צו איצעל משה קוליעס, אָנמעסטן דעם אָנצוג און זען אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן מאַכן אַ בוזים־קעשענע אין וועסטל און געהאַקטע קעשענעס אין די הויזן. היינט די שאַלות, ניט

קיין ליגן זאָגנדיק, האָב איך אפשר צען מאָל דורך דעם טאָג געוועזן ביים רב מיט פאַרשיידענע שאלות. ביים באַקן די מצה איז דאָך אָפּגערעדט, יענעם טאָג פלעג איך אפילו ניט גיין אין חדר.

פון זינט איך געדענק האָבן מיר געבאַקן מצה ביי לייבל איטקעס. און כאָטש לייבלס פּאָדראָד איז געווען דער טייערסטער אין שטעטל, פונדעסטוועגן האָט אים קיינמאָל ניט אויסגעפעלט קיין קונדן, פאַר־קערט, ער פלעגט נאָך אָפּזאָגן אַ סך באַלעבאַטים, און זיי אָפּשיקן צו ציפּע סאָפּאָזשניקס. די מאַמע מיינע האָט געהאַלטן לייבל איטקעס פּאָדראָד פאַר דעם כשרסטן אין גאַנץ שטעטל. ערשטנס איז לייבל איטקעס געווען אַ איד, וואָס האָט געלערנט יעדן שבת אַ בלאַט גמרא, האָט געקענט לייענען אין דער תורה און האָט געהאַלטן די גאַנצע יאָרן דעם „הצפירה“, און צווייטנס האָט טאַקע לייבל אַליין געשטאַנען ביים אויוון און די וועלגערקעס האָבן פאַר אים מורא געהאַט און האָבן טאַקע ניט גערעדט קיין נאַרישע רייד און רכילות ביים וועל־גערן און האָבן געוואַשן די הענט נאָך אַלע דריי מיירעס. אפילו כאַשקע, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ גרויסע פּאַטשקעליכע, וואָס האָט געקענט צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, האָט געקענט ביישטיין דעם „נסיון“ פון זיך איינהאַלטן פון ריידן ביים וועלגערן די מצה.

אהרן הערש, דער משגיח, און דער רב אַליין, האָבן געוואוסט אַז ביי לייבלען אין פּאָדראָד האָבן זיי ניט וואָס צו טאָן, דאָס איז ניט דער קהלשער פּאָדראָד, וואָס בחורים און מיידלאַך וועלגערן צוזאַמען די מצה און זינגען העברעאישע לידער. ביי לייבל איטקעס אין פּאָדראָד איז אַלץ געווען נאָך דעם דין נאָך. לייבל האָט אַליין געמוזט איבערזייען די וואַסער, שטיין ביים זיפּן די מעל און טאַקע שיבן אַליין. אין קיין פּאָדראָד האָט מען אַזוי פיל ניט געסקראַבעט מיט גלאָז די ברעטער און די וואַלגערעצן ווי ביי לייבל איטקעס. דער רעדלער האָט אַלע ווײַלע געמוזט בייטן דעם רעדל און איבער־קערן די בלעך. איך האָב ווי דער אמת איז קנאה וואָס געווען צופרידן פון לייבלען. ער האָט זיך ניט געלאָזט צורירן צו קיין זאַך. נעמען אַ הייס שטיקל מצה פון קאָש האָט מען ניט געטאָרט. זיך צורירן

צום רעדל איז דאָך אָפּגערעדט, אפילו דערלאַנגען דעם רעדלער אַן אויסגעוועלגערטע מצה האָט מען ניט געטאָרט.

דעם טאָג וואָס מיר פלעגן באַקן מצה איז ביי מיר געווען אַן אמתער יום־טוב. אין חדר האָב איך שוין יענעם טאָג ניט געדאַרפט גיין. גלייך אין דער פרי האָב איך געהאָלפן די צוויי אינגלאַך, דעם וואַסער גיסער מיט דעם מעל שיטער, אַוועקפירן די האָלץ, די צוויי קאַשן מיט די האַנטיכער. פון אונזער האָלץ האָט לייבל שטענדיק אָנגעקוואָלן, געווען טרוקענע ווי ביין. דער טאַטע פלעגט גלייך נאָך חנוכה שוין אויסקלייבן האָלץ פאַר די מצה און זיי טריקענען אויפן אויוון. די מאַמע פלעגט אָנטאָן דעם שייטל, אויספוצן זיך אין די שבתדיקע מלבושים מיט אַ קלאָרן ווייסן געפּרעסטן פאַרטוך און אַוועקגיין ווען עס האָט זיך נאָך געהייצט דער אויוון. צום ברעט האָבן די וועלגערקעס דער מאַמען ניט צוגעלאָזן. זיי האָבן שוין געוואוסט אַז פון חיהס מצה האָבן זיי מער ווי פון אַלע. ווער עס גיט זיי דרייסיק קאָפּיקעס פון פוד, און חיה צאָלט זיי אַ האַלבן רובל פון פוד. אַלע האָבן זיך געפּלייסט צו אונזער מצה, אפילו דער בעקן וואַשער, פלעגט צוטראָגן דער מאַמען ווייזן ווי עס גלאַנצן די בעקן. טאַמער פלעגט אַ וועלגערקע אויסוועלגערן אַ מצה מיט אַ לאָך, נו, האָט זי שוין געכאַפּט אַ ריכטיקן „ברוך הבא״ פון לייבלען. נאָכן אָפּ־באַקן די מצה פלעגט די מאַמע גלייך באַצאָלן יעדן איינעם. זי האָט ניט געגליכן צו בלייבן שולדיק. פורים איז שוין ביי דער מאַמען געווען אין קאָמאָד די געלט אויף די מצה. אָפּפירן די מצה פלעגט לייבל אַליין. דער טאַטע פלעגט אים העלפן אַרויפטראָגן איין קאַש אויפן בוידעם און דעם צווייטן איבערלאָזן אין שטוב צו שטויסן פאַרפעלעך. די מאַמע פלעגט ניט לאָזן אַרויסגיין לייבלען פון שטוב וואו ער האָט ניט גענומען אַביסעלע בראַנפן און צוגעביסן מיט אַ שטיקל קעז. נו, גאָט צו דאַנקען, פלעגט די מאַמע זאָגן. שוין באַלד אַריינגעבראַכט דעם פסח אין שטוב. די מצה שוין אין שטוב. באַצאָלט יעדן איינעם. אַלע געווען צופרידן. די מעד, די וויין און שמאַלץ שוין אין הויז־שאַפקע, אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען.

ערב פסח אין דער פרי האָבן שוין די מיידלאַך אין שטוב כמעט ניט געהאַט וואָס צו טאָן. מער ניט ווי אָפּוואַשן דעם קיך טישל

וואָס מען האָט אויף אים געגעסן חמץ די לעצטע עטלאָכע טעג. דער טיש אין זאַל איז שוין געווען געגרייט צום סדר. די מצה, די וויין, די כוסות, די זאַלץ וואַסער, אַלץ איז געווען אויפן אָרט. מער ניט איך און מיין ברודער זיינען געווען פאַרנומען מיט כשרן די געשיר. אויף אַ גרויסן לאַנגן שטריק פלעגט דער טאַטע אָנבינדן די לעפל מיט די גאָפּל, דעם סאַמאָוואַר און נאָך קלייניקייטן און מיר פלעגן זיך לאָזן אין מרחץ אַריין צו כשרן אין דעם גרויסן געקאָכטן קעסל וואַסער.

קומענדיק צוריק פון מרחץ האָבן מיר שוין געטראָפן אַ פּסחדיקן טייגעכץ.

אַרויסגעטריבן פון דער ישיבה

איך קען דאָס ביז היינטיקן טאָג ניט פאַרגעסן. אַ נאָווינע מיר געווען מסתמא, צו פאַרמאַכן די גמרא, אַרויסגנבענען זיך פון ישיבה און אַריינכאַפּן אַ שפּאַציר מיט אַ מיידל, ווייס איך וואָס? נאָך זייענדיק אין סלאָנימער ישיבה, וואָס דאָרטן האָב איך דוקא טעג געגעסן, האָב איך שוין געשפּאַצירט מיט מיידלאַך אויף דעם שאָסיי, און ווען איך האָב געלערנט אין סלאָבאָדקע, וואָס רעדן צו אַ מיידל איז פאַר אַ זינד פאַררעכנט געוואָרן, נו, האָב איך זיך ניט געטראָפן יעדן אָוונט מיט דעם משגיחס טאָכטער אין קאָוונע און געשפּאַצירט ביזן העלן טאָג אַריין? און אַז איך קום צו פאָרן אין וואָלקאָווישקער „קבוץ“, נעמט מען גאָר אויס מיט אונז ישיבה לייט אַ תנאי, אַז מיט מיידלאַך אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן, זאָל גאָט שומר ומציל זיין. וואָס הייסט, מיר דאַרפן זיצן „על התורה ועל העבודה“, און אַז ניט, וועט מען פון אונז צונעמען די „תמיכה“, די דריי רובל אַ מאָנאַט וואָס מיר פלעגן קריגן פון רב. נו, ווי געפעלט אייך אַזאַ מעשה? נעמען אַזעלכע יונגע חברה ווי לאָנדאָן, לעווין און ווי מיר אַליין, און פאַרשפּאַרן אין בית־מדרש, און דאָ שפּאַצירן אַרום אויף דער ברייטער גאַס אַזעלכע שיינע גימנאַזיסטקעס, איינע שענער פון דער צווייטער. ניין, ניט ביי אַזעלכע יונגע חברה, וואָס ווייסן שוין ווי צו אוגאַשצייען אַ מיידל מיט מאָראָזשענע און שאָקאָלאַדע, וועט מען אַזעלכע זאַכן אויספירן. פאַרשטייט איר דאָך, אַז גלייך אויף מאָרגן זיינען מיר שוין געווען באַקאַנט מיט עליאַשעווא, נאָוויק, ביילאך שאַפּיראָ, גובארסקאיא און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער אמתער לעבן. ניט אונז איז געקראָכן אין קאָפּ דעם רבס „פלפול“ און ניט די מיידלאַך האָבן געהאַט ווען צו מאַכן די אוראָקן.

אין די ווינטערדיקע אָוונטן איז דאָך געווען דער אמתער גן־עדן. זאַלבע־צענט פלעגן מיר זיך אַריינזעצן אין אַ שיינעם שליטעלע,

און יאָזדאָ! די קוויטשערייען, מיט דעם לאַכן, פלעגט מען הערן אַרום און אַרום. אַהיים האָט מען דאָך געקענט קומען ווען מען האָט געוואָלט. די באַלעבאָסטע האָט אויף אונז ניט געדאַרפט וואַרטן, מיר האָבן אַלע געהאַט באַזונדערע שליסלען צו די צימערן. און זומער פלעגן מיר אויסזיין אַוואו נאָר די וועלט האָט געהאַט אַן עק. די ערשטע צייט פלעגן מיר שפּאַצירן אויסער דער שטאָט, לעבן די רעלסן צו ניי־וואָלקאָוויסק צו, מיר פלעגן זיך אָפּשטעלן ביי אַ בודקע, טרינקען אָקאָרשט פרישע מילך פון דער קו, אויסזינגען כלערליי לידער און זיך אויסציען אויף דעם גראָז אויף אַ בערגל ערגעץ נעבן אַ בוים.

די מיידלאַך האָבן זייער געגליכן מיך הערן זינגענדיק אברהם רייזענס „מאי קא משמע לן", האָט אָבער לאַנדאָן מיך קיינמאָל ניט געלאָזן אויסזינגען. ער פלעגט מיר שטענדיק איבערהאַקן מיט אַ רוסיש ליד: „זאַטשעם, זאַטשעם, ליוביט, זאַטשעם, זאַטשעם, סטראַ־דאַט". אַזוי פלעגן מיר דאָס פאַרברענגען ביז איינס, צוויי אַזייגער אין דער נאַכט.

אין שטאָט האָבן אַלע געוואוסט, אַז די קבוצניקעס פאַרברענגען מיט מיידלעך און דאָך האָבן מיר באַקומען אונזער „תמיכה", דעם דרייערל, צו דער מינוט און צו דער רגע. עס האָבן זיך נאָך אפילו געפונען אין שטאָט אַזעלכע חשובע באַלעבאַטים, וואָס האָבן צו אונז געשיקט שדכנים.

אַביסל שפּעטער, אַז מיר האָבן שוין געקענט גוט די שטאָט, געוואוסט פון אַלע פאַרבאָרגענע פלעצער, פלעגן מיר נעמען אַ לאָדקע און זיך אַוועקלאָזן איבער דעם שמאָלן טייכל. כמעט אַלע מיידלאַך אונזערע האָבן געקענט שפּילן „גיטאַרע", מיר האָבן אַמאָל אין זייער אַ שיינער זומער־נאַכט אַזוי זיך פאַרבראַכט ביז טאָג. דער ערגסטער טאָג איז ביי אונז געווען שבת. דוקא שבת, ווען די מייד־לאַך זיינען געווען פריי פון גימנאַזיע, האָבן מיר געמוזט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין בית־מדרש. שבת פלעגן קומען אין בית־מדרש באַ־לעבאַטים לערנען, ווער אַ בלאַט גמרא און ווער אַ שטיקל משניות, נו, טאָ ווי פּאַסט עס אַז מיר זאָלן אַוועקגיין. אמת, אַז פון די אַלע

קבוצניקעס זיינען מיר בסך־הכל געווען זאַלבעדריט, וואָס האָבן זיך דער־לויבט צו פאַרברענגען מיט מיידלאַך, און די איבעריקע בחורים, אָדער זיי האָבן מורא געהאַט, אָדער זיי האָבן טאַקע ניט געוואוסט ווי מען פאַרברענגט מיט אַ מיידל, און האָבן שטענדיק האַלב־פאַר־שלאָפענע זיך געשאָקלט איבער דעם סטענדער, דאַך האָבן אונז אַלע געקענט. מיר האָבן זיך געקליידט אַנדערש און מיר האָבן אין גאַנצן אויסגעזען אַנדערש ווי די איבעריקע קבוצניקעס. האָבן מיר טאַקע די ערשטע עטלאַכע שבתים זיך גוט אויסגעשלאָפן אין בית־המדרש ביי דער גמרא. אַ ברירה האָבן מיר געהאַט?

אַביסל שפּעטער זיינען מיר געוואָרן קליגער. אַז דער עולם פלעגט זיך אויפקלייבן שבת אין בית־המדרש, פלעגן מיר זיך אייג־ציקווייז אַרויסרוקן פאַמעלאַך. שבת פלעגן מיר פאַרברענגען אויף אַ גאַנץ אַנדער שטייגער. שבת פלעגן מיר האָבן ליטעראַרישע פאַר־זאַמלונגען. ביי ליעמקינען און ביי פראַנקען פלעגט זיך שבת אויפ־קלייבן אונזער גאַנצער קרוזשאָק. אַמאָל פלעגט דאָרט פאָרקומען אַ רעפעראַט, און אַמאָל פלעגן מיר פאַרברענגען אין „ליעטוטשי פאַטשט״. חברה האָבן מיר אפילו געוואָלט איינשמועסן אַז ביי מיר מיט ביילעכן איז אַ ליבע, איך האָב אָבער געוואוסט אַז יוכבד (איך פלעג זי שטענדיק רופן ביי איר ערשטן נאָמען) האָב ליב לאַנדאָנען, און ווער האָט אייגנטלאַך לאַנדאָנען ניט ליב געהאַט? לאַנדאָן, אוי־סער וואָס ער איז געווען אַ שיינער בחור, איז ער שטענדיק אַרומ־געגאַנגען מיט פולע קעשענעס געלט. איך האָב זיך אַזוי אַרומגעדרייט מיט דעם קרוזשאָק, ביז איך האָב דערזען ביי אַ פענצטער אַ יונג שלאַנק מיידל, מיט אַ פּאָר שוואַרצע ברענענדיקע שלאַנגישע אויגן. לאַנדאָנען האָב איך שוין פון דער מיידל ניט דערציילט, איך האָב מורא געהאַט, דער חברה־מאַן האָט צופיל מזל געהאַט ביי מיידלאַך.

דער רב האָט דאַן געוואוינט די צווייטע הויז פון ר. ש. נ., האָב איך פון רבס הויז שוין כמעט ווי גאָרניט אַרויס. דאָ בין איך געקומען מיט אַ שווערן „תוספות״, דאָ אַ קשיה און דאָ אַזוי, און יעדן מאָל אַריינגעקוקט דורך דעם אָפענעם פענצטער, זיך באַגעגנט מיט די צוויי אויגן פון דער שיינער ג. ביים רב ווידער בין איך געוואָרן דער בעסטער בחור, וואָס הייסט, איך בין אַריינגעטיפט

אין דעם לערנען מער פון אַלעמען. מיר איז אָבער דער „תוספות" אין קאָפּ ניט געקראָכן. מיין גאַנצער געדאַנק איז געווען פאַרנומען מיט דער שיינער ג. ווי באַקאַנט מען זיך מיט איר און ווי אַזוי קען מען איר אַרויסרופן פון שטוב. גאַנצע צוויי וואָכן האָב איך זיך אַזוי אַרומגעדרייט אַרום דעם ר. פענצטער, ביז איינמאָל, אַ פרייטיק אין דער פרי, האָבן מיר זיך ביידע באַגעגנט ביים רב אויפן בריקל. אירע צוויי שוואַרצע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד און איר צאַרטער געזיכט האָט זיך צערויטלט. זי האָט זיך פאַרשעמט. איך אויך... איך האָב אָבער אויף אַזאַ געלעגנהייט גאַנצע צוויי וואָכן געוואַרט, האָב איך גלייך געקומען צו זיך. „קען איך אייך היינט נייַן אָוונט טרעפן ביי דער ערשטער בודקע?" האָב איך אין איילעניש געפרעגט. יע, איכ׳ל קומען", האָט זי געענטפערט, שענקענדיק מיר דערביי אַ נאַאיוון שמייכל.

ניין אַזייגער זיינען מיר שוין געווען אויף די זעלוּוער פעלדער, געגאַנגען געאַרעמט, געלאַכט, געזונגען, ווי צוויי אַלטע פריינט. אין דעם זעלבן אָוונט האָב איך זיך פאַרליבט אין ג. ווי קומען יענע גימ־נאַזיסטקעס צו איר? זי פאַרמאָגט אין זיך מער פייער, מער לעבן און רייץ. זי איז אפשר ווילדער פון זיי, עס מאַכט אָבער ניט אויס. איך האָב ליב ווילדע בלומען, איך זוך זיי שטענדיק, ווען איך וואַנ־דער אַליין איבער די פעלדער און וועלדער. מער „קשיות" האָב איך שוין דעם רב ניט געדאַרפט פרעגן. פריילין ג. האָט זיי אַלע מיר פאַרענטפערט, און אַרום דעם פענצטער האָב איך שוין אויך מער ניט געדאַרפט זיך אַרומדרייען. ג. איז שוין מער לעבן פענצטער ניט געזעסן. אַזאַ מיידל באַלאַנגט דער נאַטור און צו מיר. מיט ג. האָב איך געשפּאַצירט אומעטום און צו יעדער מינוט. עס האָט ניט גענומען קיין וואָך צייט און די נייס האָט זיך צעטראָגן איבערן שטאָט ווי אַ וויכער: אַ קבוצניק האָט זיך פאַרליבט אינג., די טאָכ־טער פון ר. ש.

דער רב האָט אפילו געשריבן צו מיין פאָטער, אַז מען טרייבט מיך אַרויס פון ישיבה. נאָר איך האָב זיך אויף קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט. אמת, די ערשטע צייט האָבן אַלע אויף מיר געטייטלט מיט די פינגער: אָט דאָס איז דער אַרויסגעטריבענער קבוצניק. אָבער

פאַראַנענע און געוועזענע

כל־זמן ג. איז געווען אין וואָלקאָוויסק, האָט דאָס מיך ניט געאַרט. זי האָט שוין מיר ניט געלאָזן זיין פאַרכמורעט און פאַרדאגהט. ג. איז אָבער לאַנג אין פעלד ניט געווען. שניט־צייט איז אויך דער ווילדער בלום פאַרשוואונדן געוואָרן, דער הערבסט ווינט האָט אים אין אַמעריקע פאַרוואָרפן.

פון שיף

ווען לאַנג שוין פון קיינעם אין ערשטן און אין צווייטן קלאַס אַ פוס ניט געווען — זיינען מיר, די דריטע קלאַסניקעס, ערשט אַראָפּ מידע, צעבראָכענע, מיט די פעקלאַך אין דרייען געבויגן. און אַז גאָט האָט געהאָלפן, ניט נכשל געוואָרן, חלילה, אין „אשר יצר", ווען מען האָט מיר אין „סדור" לייענען געגעבן, און ריכטיק מיין נאָמען געקענט אונטערשרייבן, בין איך ערשט דאָן אָן אַ סענט ביי דער נשמה געבליבן. ווייל די פופציק דאָלאַר וואָס איך האָב צום ווייזן געהאַט, האָט מיר אַ ווילד פרעמדע פרוי געליען, און געשומרט האָט זי מיך מיט אירע פינף קליינע קינדערלאַך, ווי מיין טאַטע „עליו השלום" פּעטרוקען, ווען ער איז נאָך אַ הערינג אין קראָם אריינגעקומען.

פון מיינע אַלע חלומות, בריוו, הבטחות, און פון דעם פולן אָנגעפּאַקטן ביכעלע מיט אַדרעסן, וועלכער איז געווען איינגענייט ביי מיר אין רעכטן אַרבל פון מיין רעקל — איז אפילו אַ פוס פון קיינעם צו מיר ניט געקומען. אַ הונגעריקער בין איך מיר געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף מיין פעקל, וואו געלעגן איז אַ פּאָר אַלטע צעריסענע העמדער אָן קנעפּלאַך וואָס די טאַנטע פעשע האָט מיר פאַרן פאָרן אַריינגעטראָגן, און מיט טרערן אין די אויגן האָב איך צו מיינע שיך אַראָפּגעקוקט: איינער איז געווען אין גאַנצן אָפן, און די פינגער האָבן זיך ארויסגעזעצן אין גאַנצן, און דער צווייטער — נאָך איין טראָט און דער טילעק פאַלט אַרונטער. אַ מאַנטל האָב איך געטראָגן אַ דינעם, אַ צעריסענעם, וואָס תמיד האָט דער ווינט אים געשמיסן אין דער לופטן.

אין דרויסן האָט אַ שטאַרקער הערבסט ווינט געפייפט און געהוליעט און מיט רוגזה די געל־צעטראָטענע בלעטער אין דער לופטן געטריבן.

אויפן האַרצן איז מיר געוועזן זייער אומעטיק, גיי זוך און געפין וועמען אין דער גרויסער קאַלטער אַמעריקע.

זיצנדיק אַזוי אַ פאַרכמורעטער און צוקוקנדיק זיך צו די שוואַר־צע קייקלגדע וואָלקנס, בין איך ביי דער מאַמעס אָרעם הייזל פאַר־שליידערט געוואָרן.

די מאַמע איז אין בעט שוין געלעגן מיט די קינדער און שטיל זיי דערציילט פון זייער ברודערקע רפאלקע, וואָס זיצט איצט אין שטוב ביי דער מומע שרה הינדען און דערציילט פאַר איר אויס אייער ביטער מזל, ווי איר זייט נעבאַך עלנטע יתומימלאַך פאַרבליבן. רפאלקע דערציילט אויך די מעשיות און חכמות פון אייך מיינע קינ־דערלאַך. אַז דו, פרומעלע, קענסט שוין אַ אידיש בריוול שרייבן, און אַז דו, שלמהלע, האָסט שוין „רש״י״ אָנגעהויבן לערנען. און די מומע שרה הינדע, מיך איין און איינציקע שוועסטער, מוז געוויס אין דער שטיל מיט טרערן זיך שטיקן.

— וויינט ניט, קינדערלאַך! וויינט ניט! גאָט איז אַ פאָטער פון אַלע יתומים, אייער יונגער טאַטע וועט פאַר אייך אַ גוטער בעטער זיין, און וועט געוויס אַלדאָס־גוטס פאַר אייך אויספועלן אין הימל, און וועט אויך אויף רפאלקען השגחה געבן. וויינט ניט, קינדערלאַך, וויינט ניט! וואַשט די הענט, זאָגט אַפּ המפּיל, דעקט זיך גוט איין און ווערט אַנטשלאָפן. רפאלקען, וועט ביי מיין שוועסטער ניט פעלן פון קיין פויגל מילך, זי וועט אים האַלטן ווי דעם טאָג פון שבת. און אַז רפאלקע וועט עלטער ווערן, וועט ער פאַר אונז אַלעמען זאָרגן, שלאָפט קינדערלאַך, שלאָפט.

נו, וואָס זיצסטו דאָ איינער אַליין און דו חלומסט? אין אַמע־ריקע חלומט מען ניט. קום לאָמיר פאָרן אַהיים! האָט מיר אַ ליב־לאָכער אידישער קול פון מיינע רעיונות פלוצלינג איבערגעשלאָגן.

אַהיים! אַהיים! ווי אַ חלום האָבן פאַר מיר די לעצטע ווער־טער געקלונגען, פאַר מיר, דעם עלנטן רפאלקען אַ היים, און אַז איך האָב זיך פון מיין אָרט אויפגעהויבן, האָט מיר אַ פאַרשטייער פון דעם „האַיאַס״ מיט אַ היימישן שמייכל באַגעגנט. אַ פונק פון ליכט און האָפנונג האָט זיך אין מיין האַרץ אַריינגעגנבעט.

אַריינקומענדיק אין „האַיאַס״ האָב איך ערשט תופס געווען אַז

איך בין ניט דער איינציקער וואָס די פריינט און משפחה האָבן זיך פון מיר אַנטזאָגט און אפילו מיך ניט געקומען פון שיף אַראָפּנעמען.

די בלייכע פּנימער פון היימישע פרומע פרויען מיט זייערע בלאָנדזשנדיקע קינדערלאַך זיינען פאַר מיר עדות געווען.

אַ תהום פון טראַגעדיעס, אכזריות, קאַלטבלוטיקייט און הפקרות, האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַז איך האָב אין גאַנצן מיין מומע שרה הינדען פון מיינע געדאַנקען גענומען פאַרטרייבן.

צוויי וואָכן האָב איך אויף מיין מומע שרה הינדען, מיין מאַמעס איין און איינציקע שוועסטער, געוואַרט. דער „האַיאַס״, האָט מיר אפילו געוואָלט געבן געלט אויף הוצאות אַז איך זאָל פאָרן צו איר, נאָר איך האָב שוין פון איר ניט געוואָלט-וויסן. איך האָב זיך אַוועק־געלאָזן זוכן אַרבעט און אין זעלבן טאָג האָב איך שוין געאַרבעט ביי אַ אידישן בעקער און געהאַט אַ פיינע אַנשטענדיקע היים. דער מאַמען האָב איך פון איר געטרייער שוועסטער ניט געשריבן, צו וואָס איר נאָך מצער זיין? נאָר זי האָט זיך דערוואוסט פון אַנדערע. היינט בין איך שוין אַ גוטער בעקער און פאַרדין גאַנץ פיין און מאַך אַ שיין לעבן.

היינט וויל שוין מיין מומע שרה הינדע פון מיר וויסן, און חלשט אַז איך זאָל איר באַזוכן, און קומען צו איר אַמאָל זונטיק אויף מיטאָג, האָב איך אָבער היינט אין אַמעריקע מער איבערגעגע־בענע קרובים און משפחה, ווי מיין מומע שרה הינדע, מיינע צוויי אויסגעהאָרעוועטע הענט מיט מאַזאָליעס און מיין הערלאַכער פאַרדינ־טער דאָלאַר, זיי זיינען היינט מיינע קרובים און איך בין זיי ווילקאָמען.

מענדל דער פּרוש ווערט אַ בעקער

אַז אונזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז „מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל", אַז וואָס די צייט קען מיטברענגען, קען דאָס דער שכל ניט, איז דאָס מיט גאָלד צו גלייך, קדש קדשים, הייליק ווי דער טאָג פון שבת. ווען עמיצער קומט צו מיר מיט פופצן יאָר צוריק אין ראגעשאק, איר האָט דאָך געוויס געהערט פון ראגעשאק, ווען איך בין ביי מיין שווער, עליו השלום, געווען אויף קעסט, געגעסן ווייסע זעמל מיט צוויי אייער און פרישע סמעטענע מיט קעז אַלע אין דער פרי נאָך דעם דאַווענען, צווייערליי סאָרטן פלייש מיט זויער קרויט צו מיטאָג און הערינג מיט קאַרטאָפל צו וועטשערע, און זאָגט מיר, אַז איך, מענדל, דער פּרוש, וואָס אַלע מענטשן האָבן מיך גערופן ר׳ מענדל, און זיך געוואונטשן צו האָבן אַזעלכע קינדער ווי איך, וועל גאָר מגולגל ווערן אין דער פאַרשאָלטענער אַמעריקע און ווערן אַ בעקער — וואָלט איך יענעם אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם, ווי אויף איינעם וואָס קומט פון יענער וועלט.

וואָס הייסט, מענדל ר׳ טעוועלעס אײדעם, וואָס זיצט טאָג און נאַכט על התורה ועל העבודה, וואָס האָט שוין באַלד צוויי מאָל ש״ס דורכגעלערנט, וועט זיך נעמען צו אַזאַ מלאכה בזויה, צו אַזאַ ניט בכבודיקע פּרנסה, ווערן אַ בעקער און באַקן ברויט און ניט דאַווענען מנחה און מעריב בצבור. נאָר גיי האָב אַ דין תורה מיט דער צייט. אָט אַזוי איז עס און מען דאַרף נאָך מקבל באהבה זיין און זאָגן אויף אַלץ גם זו לטובה. היינט איז מענדל, אַ גרינער, אַ גאָרנישט שבגאָר־נישט, פאַרמאָגט ניט קיין אייגענעם דאָלאַר, וואָלגערט זיך ביי אַלטער דעם שמש, אין אַ פאַרשטיקטן קברל, און עסט אַ צען סענטיקן מאָלצייט.

אין דער היים, אין ראגעשאק, אַז מענדל פלעגט זיך שטעלן דאַוו־נען, און אַז דער רב איז ניט געווען אין בית־המדרש, פלעגט מען וואַרטן אויף אים מיט שמונה עשרה, און אָפּגעבן כבוד, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַזאַ תלמיד חכם ווי מענדל, און דאָ, אין דער טריפהנער אַמעריקע, אַז מענדל קומט אַריין אין שול, שטעלט ער זיך נעבן טיר, כעני בפתח, ווי אַן אָרעמאַן וואָס וואַרט אַז אַ באַלעבאָס זאָל אים נעמען אויף אַ מאָלצייט. גאָרניט, קיינער קוקט זיך ניט אום און קיינער באַמערקט אים אפילו ניט, און טאָמער נעמט ער אַ גמרא אין האַנט, זיצן חברה און מאַכן חוזק: אַט, מען דאַרף גאָר צוגיין אַ קוק טאָן צי דער גרינער האַלט ניט די גמרא מיט דער פאַרקערטער זייט. זיי קענען זיך גאָרניט פאָרשטעלן, אַז דער גרינער פּעדלער האָט אַ האַלב לעבן אָפּגעגעבן און פאַרבראַכט מיט די גמרות טעג און נעכט אין די ישיבות. און מיינט איר אפשר, אַז מענדל האָט ניט געוואוסט נאָך זייענדיק אין ראגעשאק, אַז תלמידי חכמים האָבן זייער פיל אויסצושטיין אין דער עגל־הזהבדיקער אַמעריקע, אַז גראָבע יונגען, אידיאָטן, דאַרפן זיין די מבינים איבער זיי. אַי, האָט ער געוואוסט. ער האָט אָבער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. מענדל האָט געמוזט איבערלאָזן זיין דבורהלען, זיין געטרייע ווייב, די אשת חיל, מיט זיינע צוויי טעכטערלאַך, און מאַכן אַ ויברח אין אַמעריקע. וואָרים ווען ער וואָלט דאָס דאַן חלילה ניט געטאָן, וואָלט אים פּאָניע פּאַר אַ סאָלדאַט צוגענומען, און עס וואָלט שוין אפשר פון אים קיין געדעכעניש ניט געווען.

איך זאָג מענדל אַ בעקער. מיינט איר אפשר אַז גלייך ווי מענדל איז אַראָפּ פון שיף האָט שוין אויף אים געוואַרט ישראל דער בעקער? דאַן מאַכט איר, במחילה, אַ גרויסן טעות. מענדל האָט זיך נאָך גענוג אָנגעפלאָגט און גענוג בזיונות און בושה געהאַט, איידער ער האָט זיך צו אַ בעקער דערשלאָגן.

אַז מענדל איז אָנגעקומען אין אַמעריקע, האָט ער אַזאַ גרויסע שוואַרצע באָרד געהאַט, געגאַנגען מיט אַ פאַנאַנדערגעשפּילעטן קאַפּטל און אַ שוואַרצע פּליושענע הוט אויפן שפּיץ קאָפּ געטראָגן. איך זאָג אייך, אַ יונגערמאַן, נאָר אַ ברכה צו מאַכן אויף אים.

די ערשטע עטלאַכע טעג האָט זיך מענדל אַרומגעדרייט אין הכנסת אורחים, געשריבן צו דבורהלען בריוו און זיך אָפּגערוט פון דער לאַנגער רייזע.

איינמאָל, אויפן פרימאָרגן, מענדל האָט אויפגעלייגט די תפילין און האָט געקלערט אַרויסצוגיין אין גאַס זען וואָס צו טאָן און צו וואָס זיך צו נעמען, איז צו אים פּלוצלונג צוגעקומען אַ הויכער מאַן מיט אַ קליין שפּיציק בערדל, און אים געגעבן שלום.

הער זיך איין, — האָט דער מאַן געזאָגט צו מענדלען: ווי איך זע, ביסטו אַ גרינגער. זאָג מיר נאָר, קענסטו לערנען? אויב דו קענסט לערנען, נעם איך דיר צו מיר אויף דער פּאַרם און דו וועסט ביי מיר האָבן פון חלב און פון דבש. איך האָב איין קינד, אַ בן־יחיד, פילים הייסט ער. ער דאַרף ווערן אין זעקס וואָכן אַרום בר מצוה, איז אַז דו וועסט אים אויסשטעלן אַ גוטן מפטיר, וועסטו קריגן עסן פון דאָס בעסטע און נאָך דריי הונדערט דאָלאַר פאַר דעם זומער, און שלאָפן וועסטו ביי מיר ווי אַ מלך, אין אַ גרויסן צימער מיט צוויי פענצטער. מיין פילים איז זייער אַ געראָטענער באָי, ער שפּילט אַזוי גוט „אלי אלי" אויף דעם פידל, אַז מיין ראָבקע, די ווייב מיינע, וויינט אַזש פון שמחה און פון נחת.

מענדל האָט אין דעם געזען אַן אצבע אלהים, ווי כביכול פירט אים אין גלייכן וועג, און האָט געזאָגט דעם פרעמדן אידן: צי איך קען לערנען איז גאָר קיין רייד ניטאָ, אַניט וואָלט איך דאָך קיינמאָל ר' טעוועלעס אידעם ניט געווען און קיין קעסט ניט געגעסן. און אויב אייער בחורל איז טאַקע אַזאַ אויסנאַם, פאַרהאַף איך אַז ער וועט צו זיין בר מצוה נאָך זאָגן אַ שאַרפן פלפול.

דער פּאַרמער האָט טאַקע קיין שהיות ניט געמאַכט, האָט אַרויפגעוואָרפן מענדלס קאָרזינע צו זיך אויפן טראָק און אַוועקגעפאָרן מיט מענדלען צו זיך אויפן פּאַרם.

ראָבקע, דעם פּאַרמערס ווייב, האָט גלייך געגרייט צום טיש און דערלאַנגט פון כל טוב און האָט געזאָגט צו מענדלען: ביי מיר מעגט איר עסן אַליץ, ווייל איך פיר זיך אַקוראַט ווי מיין גאָטזעליקע מוטער האָט זיך געפירט ביי אונז אין דער ליטע, ביי מיר איז כשר און עסן גיבן מיר מיטן גאַנצן האַרצן.

אַז מענדל האָט געהאַלטן אין מיטן עסן, איז אַריינגעלאָפן פּיליפּ, דער בר מצוה בחור, אַ פּאַרסאָפּעטער, מיט דעם גרויסן באַל אונטער דער האַנט און זיך געזעצט, ווי אַ גוי אָן אַ היטל, עסן.

פאַרוואָס גייסטו ניט געבן שלום דעם מאַן ? האָט אים די מאַמע געפרעגט. ער איז דאָך אַ רבי, אַ טיטשער. גיי טו אָן די היטל און עס אָפּ גיכער. דער רבי וועט מיט דיר לערנען מפטיר. נאָך איידער מענדל האָט פאַרהערט פּיליפּן, האָט ער שוין געוואוסט וואָס פאַר אַ טייערער תנא ברא ער איז. נאָך זיין עסן נאָך, ווי ער שטאָפּט אָן אַ פול מויל און מאַכט אויף קיין זאַך קיין ברכה ניט, האָט ער שוין געוואוסט וואָס פאַר אַ סחורה דאָס איז. נאָר אַז מענדל האָט אַריינגענומען דעם בר מצוה בחורל צו זיך אין צימער אַריין און אים גענומען אויספרעגן וואו ער האַלט אין חומש, און צי ער לערנט שוין גמרא, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ווער גמרא, וואָס גמרא, דער בחורל ווייסט אפילו ניט קיין צורה פון אַן אלף, קען קיין המוציא ניט מאַכן, איז אויף זיין לעבן אין קיין שול ניט געווען, אַ גוי גמור. היינט, ווי האַקט מען אַריין אַזאַ גוי מפטיר אין זעקס וואָכן ?

גאַנצע פיר וואָכן האָט מענדל מיט פּיליפּן געהאָרעוועט אויף דעם אלף בית, און אַז ער האָט אַ קוק געגעבן, אַז אַ גימל איז ביי אים גאָר אַ זין, אַ בית קומט ביי אים גאָר אויס „כף" און אַ סמך איז ביי אים אַ שלאָס־מם — האָט מענדל פאַרנומען זיין קאָרזינע און זיך פאַרקירעוועט צוריק אין שטאָט אַריין.

אַז מענדל איז אין שטאָט אָנגעקומען האָט ער ביי זיך אַ סענט ביי דער נשמה ניט געהאַט, און האָט צוריק געמוזט גיין אין הכנסת אורחים.

אין הכנסת אורחים איז מענדל אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער. שוין 5 וואָכן ווי ער איז אין אַמעריקע און האָט נאָך זיין דבורהלען אַ סענט ניט געשיקט. וואָלט ער איר ניט געהאַט געשריבן פון דעם גליק מיט די דריי הונדערט דאָלאַר, וואָלט אים אַזוי פיל ניט געאַרט. וואָס זאָל ער איצט טאָן, ווי אַזוי קען ער דאָס אַזוי מצער זיין טייערע דבורהלען ? ער האָט זיך ממש קיין אָרט ניט געפונען יענעם טאָג. ווען עס מאַכט זיך אים עפּעס אַ באַשעפטיקונג, וואָלט ער דאָך אויפ־

געלעבט. ממש אַ נייער מענטש געוואָרן. ער וואָלט גענומען אַ צימער ביי אָרענטלאַכע מענטשן און ער וואָלט זיך פּאַמעלאַך איינגעאָרדנט. מענדל איז גרייט צו טאָן אַלעס אין דער וועלט, אַבי צו פאַרדינען אַ הערלאַך שטיקל ברויט און קענען מפרנס זיין זיין דבורהלען, די טייערע נשמה, וועלכע בעט אַזוי פיל גאָט פאַר אים. מענדל האָלט זיך ניט גרויס מיט זיין קענען לערנען און וואַרט ניט אויף רבנות, חלילה, ער וויל מער ניט ווי קריגן עפּעס אַ באַשעפטיקונג ביי אידישע מענטשן אַז ער זאָל קענען דאַוונען בצבור און האָבן צייט צו לער־נען אַלע טאָג אַ בלאַט גמרא. מענדל איז אָבער פרעמד אין לאַנד און האָט ניט די שפּראַך און ווייסט ניט צו וועמען זיך ווענדן.

איינמאָל, זיצנדיק אַ פאַרדאגהטער און בלעטערנדיק דאָס בי־כעלע אַדרעסן, וואָס זיינע ראַגעשקער שול־אידן האָבן אים פאַר־צייכנט און אים געגעבן צו זען זיך מיט יעדן איינעם און אויספּועלן ביי זיי עפּעס שטיצע פאַר דעם הכנסת אורחים און תלמוד תורה, האָט ער זיך דערמאָנט אַז דער אַלטער רב האָט אים פאַרשריבן אַן אַדרעס פון זיינעם אַ חבר פון דער ישיבה, וועלכער איז איצט רב אין אַמעריקע.

מענדל האָט אויסגעזוכט דעם אַדרעס און אויף מאָרגן איז ער אַוועק צום רב.

דאָס וואָס מענדל האָט זיך אומגעדרייט אַ האַלבן טאָג און גע־בלאָנדזשעט איידער ער האָט געפונען דעם רב, איז דאָך קיין חדוש ניט. פאַראַן, ברוך השם, אין אַמעריקע אַזעלכע מענטשן, וואָס זיי־נען שוין אין לאַנד צו צען און צו פופצן יאָר, און פאַרבלאָנדזשען נעבאַך אַזוי מיאוס, אַז זיי שעמען זיך שפּעטער אויסזאָגן.

דער רב האָט אפילו מענדלען גאַנץ פיין אויפגענומען, זיך גע־פרעגט אויף זיין חבר, דעם ראַגעשקער רב, און האָט אים געבעטן אויף מיטאָג, נאָר קיין הילף האָט מענדל פון אים ניט געקענט דער־וואַרטן, ווייל דער רב אַליין איז געשטאַנען אויפן וועג און געזוכט אַ שטעלע. זיין געמיינדע וויל האָבן אַ רב, וואָס זאָל זיי דרשנען אויף ענגליש, און שוין באַלד צוויי מאָנאַטן ווי זיי צאָלן אים ניט קיין שכירות. דער רב האָט אָבער מענדלען געראָטן איידער וואָס, צו

ווערן אַ משולח, און מיט דער צייט וועט זיך אים מאַכן עפּעס אַ פּאַסיקע באַשעפטיקונג.

דער רב האָט אים דערציילט פון זיינע באַקאַנטע פריינט, משולחים, וואָס מאַכן זייער אַ פיין לעבן און האָבן שוין אָפּגעשפּאָרט אַ שיינע פּאָר הונדערט דאָלאַר.

מענדל האָט זיך אפילו געהאַט גענוג אָנגעהערט פון די משולחים וואָס שטייען אויס אַזוי פיל חרפּות און שפיכות דמים, צוליב די פאַלשע משולחים, וואָס פאָרן אַרום איבער אַמעריקע און קלייבן פאַר פאַלשע אַנשטאַלטן און לאָזן אַראָפּ די געלט צו זיך אין קעשענע. דאָך, ניט האָבנדיק קיין אַנדער אויסקוק, האָט ער זיך געמוזט לאָזן אָנרעדן צו ווערן אַ משולח. מענדל האָט ביי זיך געוואוסט אַז ער וועט חלילה ניט אָנרירן קיין קהלשע געלט און אַז ער וועט פאַר די גבאים אָפּגעבן דין וחשבון פון יעדער פּרוטה. אין אָוונט איז דער רב אַוועק מיט מענדלען צו די גבאים פון אַן ארץ־ישראלדיקן „מושב זקנים" און נאָך אַ קורצן שמועס איז מענדל צוגענומען געוואָרן פאַר אַ משולח.

פאַרברענגענדיק מיט מענדלען, האָבן די גבאים איינגעזען אַז מענדל איז אַ תלמיד חכם, האָט טאַלאַנט צו רעדן, אַן הדרת פּנים און פאַרמאָגט די אַלע מעלות פון אַ משולח און אַז ער וועט זיך אויסטויגן פאַר זייער מושב זקנים, האָבן זיי מיט אים געמאַכט אַ קאָנטראַקט אויף איין יאָר און איינגעשריבן אַז מענדל קריגט פופציק פּראָצענט פון די אַריינגעקומענע געלדער פון זיין טעריטאָריע. די גבאים האָבן שוין מענדלען ניט אָפּגעלאָזן. אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן זיי פאַר אים אויסגעמאַכט אַ רעווערענד ביכל, אים אויסגעמאַכט די נויטיקע אָפיציעלע באַשטעטיקונגען פון זייער אַנשטאַלט, אים געגעבן אויף הוצאות מיט עטלאַכע דאָלאַר אויף די ערשטע עטלאַכע טעג אויסקומעניש און מענדל האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער אַמעריקע.

זיין ערשטער אָפּשטעל איז געווען פּיטסבורג.

אין פּיטסבורג האָט מענדל אויסער ר' בערעלען, אַ איד וואָס איז זיך מקריב פאַר דעם אַנשטאַלט, קיינעם ניט געהאַט. ר' בערעלע האָט מענדלען אויפגענומען „בסבר פּנים יפות" און האָט אים פאַר־שפּראָכן אַז פון די צוועלף הונדערט דאָלאַר וואָס פּיטסבורגער אידן

האָבן זיך פֿאַרשריבן פֿאַר דעם אַנשטאַלט, ווערט אַ דאָלאַר ניט פֿעלן. ר׳ בערעלע האָט גלייך אויסגעפֿונען אַז מענדל איז אַ יונגערמאַן אַ „יקר המציאות״, און פֿאַר אַ „תלמיד חכם״ איז אים קיין זאַך ניט צו שווער.

צוויי וואָכן איז מענדל געווען אין פּיטסבורג און די גאַנצע צייט איינגעשטאַנען ביי ר׳ בערעלען. זיין רעדן האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ גוטן איינדרוק און מענדל האָט טאַקע איינגעמאַנט די גאַנצע צוועלף הונדערט דאָלאַר.

אַז די צוועלף הונדערט דאָלאַר איז אָנגעקומען אין הויפּט־אָפּיס אין ניו יאָרק, איז דאָרט געוואָרן אַ גאַנצער אויפֿגעלאָף: דאָס טרעפֿט זיי דעם ערשטן מאָל אַז אַ גרינער משולח וואָס קען אַ וואָרט ענגליש ניט, זאָל אין פֿאַרלויף פֿון צוויי וואָכן מאַכן אַזוי פֿיל געלט. דער פּרעזידענט פֿון דעם אַנשטאַלט האָט אים טאַקע גלייך אויסגעמאַכט אַ טשעק אויף זעקס הונדערט דאָלאַר און אים אָנגעשריבן אַ פֿיינעם לויב־געזאַנג און אים באַדאַנקט אין נאָמען פֿון דעם אַנשטאַלט פֿאַר זיין דערפֿאָלגרייכער אַרבעט. אַז מענדל האָט דערהאַלטן דעם טשעק מיט דעם בריוו פֿון דעם פּרעזידענט, איז ער געוואָרן אַן איבערגעקערטער. ערשט איצט האָט ער באַגריפֿן פֿאַרוואָס דער עולם באַציט זיך מיט אַזוי פֿיל בזיון און אומצוטרוי צו די משולחים. אויב אַ משולח קען נעמען פּופֿציק פּראָצענט פֿון די געלט, וואָס ער מאַכט פֿאַר דעם אַנשטאַלט, טאָ וואָס קומט שוין אָן צו דעם אַנשטאַלט? ניין, דאָס איז „גזלה״, און מענדל וועט אַזוי טיף ניט זינקען. מענדל וועט זיך ניט בוקן צום „עגל הזהב״, צו דעם דאָלאַר, און האָט אין דעם זעלבן טאָג אָפּגעשיקט דעם טשעק מיט דעם אַגרימענט מיט די אַלע פּאַפּירן. ער האָט מער ניט גענומען עטלאַכע דאָלאַר פֿאַר זיך אויף דער „הוצאה״ און אַ פּאָר דאָלאַר אַוועקגעשיקט זיין דבורהלען.

דער פּרעזידענט איז גלייך קיין פּיטסבורג אַוועקגעפֿאָרן. עס האָט אָבער ניט געהאָלפֿן. זיין איינרעדעניש אַז אַזאַ משולח ווי מענדל איז, וואָלט ער זיך אין איין יאָר דערשלאָגן צו אַן אייגן הויז און צו אַ פּאָר דאָלאַר, ביי מענדלען איז אָבער די „משולחת״ אַ מאָראַלישע זינד און וויל פֿון דעם מער ניט הערן און זען. מענדל האָט איינפֿאַך

דעם פרעזידענט געזידלט פאַרוואָס מען באַרויבט דעם אַנשטאַלט אין וועלכן עס געפינען זיך אַזוי פיל נויטבאַדערפטיקע מענטשן.

ר׳ בערעלע, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און זיך צוגעהערט צו דעם שמועס, האָט באַקומען גרויס דרך ארץ פאַר מענדלען און האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ הייליקן. אַזאַ זאַך וואָלט דאָך קיין מענטש ניט געוואָלט גלויבן: נעמען און אָפּשיקן אַ טשעק אויף זעקס הונדערט דאָלאַר אין דער צייט ווען אַ מענטש האָט ניט אַ סענט ביי דער נשמה און דאַרף נאָך שיקן געלט פאַר אַ פרוי מיט קינדער. ר׳ בערעלע האָט מענדלען שוין פון זיך ניט אָפּגעלאָזן און האָט געזוכט פאַר אים אַ שטעלע אין פּיטסבורג. ר׳ בערעלען האָט זיך געוואָלט האָבן מענדלען לעם זיך און טאַקע ווערן זיינער אַ חבר. פון רבנות האָט מענדל ניט געוואָלט הערן, ער האָט פון אייביק אָן פיינט געהאַט „רבנות״, נאָר אַז ר׳ בערעלע האָט אים פאָרגעשלאָגן צו ווערן דער משגיח פון דעם „ועד הכשרות״, האָט ער דאָס נאָך אַ לאַנגן „ישוב הדעת״ אָנגענומען.

די ערשטע עטלאַכע וואָכן האָבן טאַקע די קצבים געהאַט גרויס „דרך ארץ״ פאַר מענדלען און האָבן אָפּגעהיט דעם אָפּגיסן די פליישׁ אין צייט און געטאָן אַלץ וואָס מענדל האָט זיי געהייסן און אַלע זיינען געווען צופרידן. די קצבים האָבן אָבער ניט געקענט באַשטיין דעם נסיון. עס האָט זיך פאַר זיי ניט געלוינט צו האָבן אַזאַ שטרענגען משגיח, וואָס וויל אַז די פליישׁ זאָל ווערן געטרייבערט אַזוי ווי ביי אים אין ראַגעשאַק, און אַז די ווייבער זאָלן וויסן אַז ביי זיי איז פאַראַן אָפּגעגאָסענע פליישׁ, און האָבן אָנגעהויבן אויף אים צו גראָבן און צו פאַרפאַלגן אים. מענדלען האָט ניט געהאָרט וואָס זיי רופן אים גרינער, היפּאָקריט, און נאָך אַזעלכע נעמען. ער האָט זיך פון דעם ווינציק וואָס געגומען צום האַרצן. נאָר אַז ער האָט אַ קוק געגעבן אַז דער עולם עסט „טרפות״, אַז זיי שטייען און טיילן פליישׁ מיט די אָדערן און גיסן ניט אָפּ די פליישׁ, האָט ער מער קיין משגיח ניט געוואָלט זיין. ר׳ בערעלע האָט אים אפילו ניט געלאָזן אַוועקגיין פון דער שטעלע און האָט אים וועגן דעם געהייסן דערציילן דעם רב, נאָר מענדל האָט ניט געוואָלט מער שטיין מיט די קצבים און איז פון זיי אַוועק. אין די עטלאַכע וואָכן וואָס מענדל איז געווען אין פּיטסבורג,

האָט ער אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר צענדליק דאָלאַר און אַריינגעטראָגן אין באַנק. מענדל האָט איצט מער ניט געוואָלט הערן פון קיינע קהלשע שטעלעס. ווען עס מאַכט זיך אים עפּעס צו טאָן ביי אידישע אָרנט־לאָכע מענטשן, וואָלט ער מרוצה געוואָרן צו טאָן די שווערסטע אַר־בעט, און וואָלט אפילו פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די „תלמיד־חכם"שע גרויסקייט. נו, מאַכט זיך גראָדע ניט, און דאָ קריגט ער אַזעלכע שלעכטע בריוו פון זיין דבורהלען, אַז דער קאָפּ פאַרדרייט זיך אים פון טראַכטן.

ר' בערעלע האָט פאַר אים שולן וואָס וואָלטן וועלן אַז מענדל זאָל פאַר זיי לערנען „משניות" מיט „עין יעקב", וויל ער אָבער אפילו פון דעם ניט הערן.

„שמשות", אַ שמש צו ווערן אין אַ שול, וואָלט ער יאָ אָנגע־נומען. דאָס איז אַ מלאכה ווי אַלע אַנדערע מלאכות. ער וואָלט גע־האַלטן די שול ריין, ציכטיק און הייליק. ער וואָלט אַלע אין דער פרי און יעדן פאַרנאַכט אָפּגעווישט דעם שטויב פון די בענק, ער וואָלט געזען אַז עס זאָל זיין טליתים מיט תפלין אין שול, און וואָלט גענוג צייט געהאַט פאַר זיך צו זיצן און לערנען. ר' בערעלע האָט אפילו אין דעם געוועזן אַ „פחיתות הכבוד", אַ דערנידערונג פאַר מענדלען, נאָר איידער צו גיין טאָן אַ שוואַרצע אַרבעט אין גאַס, איז שוין טאַקע „שמשות" גלייכער און בעסער. און אַזוי ווי ר' בערעלע איז פון די שיינע בעלי בתים אין שטאָט און מיט זיין מיינונג רעכנט מען זיך זייער שטאַרק, האָט דאָס טאַקע ביי אים לאַנג ניט גענומען און ער האָט פאַר מענדלען געקראָגן אַ שטעלע אלס שמש, אין דער נייער רוסישער שול. מענדל האָט זיך געפילט גליקלאַך מיט זיין „שמשות" און האָט געטאָן זיין אַרבעט „בשלמות".

אין שול איז שטענדיק געווען ריין, וואַרעם און ליכטיק. ביי מענדלען האָבן זיך ניט געוואַלגערט קיין „שמות" איבער די בענק און קיין צעריסענע ספרים זיינען ביי אים ניט געווען. טאָמער האָט זיך אין אַ סדור אָדער אין אַ חומש אויסגעריסן אַ בלאַט, האָט מענדל גלייך געכאַפּט און פאַרקלייט. די בעלי בתים האָבן ממש אַנגעקוואָלן פון אים. די עלטערע אידן האָבן זיך גלייך דערוואוסט אַז מענדל קען לערנען, האָבן זיי געמאַכט אַ חברה און מענדל האָט

פאַר זיי אַלע שבת אין דער פרי געלערנט חומש. האָט אַ מעמבער פון שול געדאַרפט אויסרעכענען אַ טאָג אין חודש פון יאָרן צוריק, אָדער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ בר מצוה און אַ יאָר־צייט, האָט דאָס מענדל געמאַכט אין אַ מינוט. דערפאַר האָבן אים טאַקע אַלע מעמבערס רעספּעקטירט און מענדל האָט געמאַכט אַ פיין לעבן. אמת, די גאָר רייכערע, די אויפגעקומענע גבירים, וועלכע פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין מזרח, האָבן פון מענדלען ניט געוועזן אַזוי שטאַרק צופרידן, פאַרוואָס ער איז שטענדיק מיט די מער לומדישע אידן, דאָך האָבן זיי אָנערקענט אַז אַזאַ שמש ווי מענדל איז, האָבן זיי נאָך קיינמאָל ניט געזען. מענדל האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָרפן אין די אויגן. איז געווען אַ שמחה ביי אַ מעמבער, אַ חתונה, א ברית, א בר־מצוה אָדער א תנאים, האָט מען אים גערופן איז ער געגאַנגען, און אַז ניט, האָט ער אפילו וועגן דעם ניט איבער־גערעדט. מענדל האָט קיינמאָל ניט געוואוסט ווער עס האָט פאַר אים געשענדרט, ביז וואַנען דער מעמבער האָט אים באַצאָלט. ביי מענדלען איז ניט געווען קיין חלוק פון אַן אָרעמען מעמבער ביז אַ רייכן, ביי אים זיינען אַלע געווען גלייך.

פון די שמשות האָט מענדל געמאַכט אַ פיין לעבן, האָט געקליבן אַ דאָלאַר און האָט געשיקט זיין דבורהלען געגוג אויף חיונה. מענדל האָט שוין אפילו געחלומט פון אַריבערצוברענגען זיין פאַמיליע אין אַמעריקע, נאָר פּלוצלונג איז געוואָרן אַ גאַנצע ענדערונג אין מענ־דעלס לעבן. אַזוי ווי דעם פּרעזידענטס אַ לאַנדסמאַן איז געקומען צו פאָרן פון פוילן, האָט דער פּרעזידענט אָנגעהויבן דערגיין מענדלען די יאָרן און אַרומיאָגן אים אַ גאַנצן טאָג צו קאָלעקטן געלט פון די מעמבערס, אום כדי ער זאָל פאַרנאַכלעסיקן די אַרבעט אין שול, וועט ער אים קענען אַרויסטרייבן פון שול און איבערגעבן די שמשות צו זיין לאַנדסמאַן. אמת, מענדעל האָט געהאַט אַ קאָנטראַקט און ער האָט אים גאָרניט געקענט טאָן, נאָר וויבאַלד ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו טאָן זיין אַרבעט בשלמות, און האָט ניט געקענט אָפּרייסן אַ פרייע מינוט פאַר אַ בלאַט גמרא, האָט ער מער ניט געוואָלט שטיין. אַז מענדל האָט זיך אַנטזאָגט פון שמשות, האָט ער אַרויסגענו־מען די געלט פון באַנק וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט, און עס

אַוועקגעשיקט צו זיין דבורהלען. ווער ווייסט, האָט ער ביי זיך גע־קלערט, וויפיל אים וועט אויסקומען צו אַרומגיין אָן אַרבעט, טאָ זאָל כאָטש זיין דבורהלע האָבן אויף אַלץ וואָס זי באַדאַרפט פאַר זיך און פאַר די קינדערלאַך.

צו ר׳ בערעלען איז מענדל מער ניט געגאַנגען. וואָס הייסט, ער וועט אַזוי פיל מטריח זיין אַ מענטשן, ער וועט מער ניט שטיין אין פּיטסבורג, און מענדל האָט אויף דעם צווייטן טאָג אַוועקגעפאָרן אין ניו יאָרק.

אין ניו יאָרק האָט ביי זיך מענדל באַשלאָסן ניט צו גיין מער צו קיין רבנים און צו קיין שוחטים נאָך התקרבות. ער וועט זוכן אַרבעט אין אַ שאָפּ אָדער אין אַ מיל. פאַר שווער אַרבעטן האָט מענדל קיין מורא ניט; ער האָט „ברוך השם" אַ געזונט האַרץ מיט צוויי געזונטע הענט. דער עיקר איז, אַז ער זאָל עפּעס אָנטרעפן אַ אידיש אָרט, ווייל פרייטיק וועט דאָך מענדל מער ווי אַ האַלבן טאָג ניט אַרבעטן, ער וועט זיך דאַרפן מכין זיין פאַר שבת. דעם מאָל האָט מענדל שוין ניט געגאַנגען אין „הכנסת אורחים". האָבנדיק אָן אייגענעם דאָלאַר, האָט ער געדונגען אַ צימער ביי אלטער דעם שמש און ביי אים שבתים געגעסן. דריי טעג האָט מענדל אַרומגעזוכט אַרבעט און אויף דעם פערטן טאָג האָט ער באַקומען אַרבעט ביי ישראל דעם בעקער.

ישראל, וועלכער איז אַליין געווען פון דער ליטע, האָט אָנגעזאָגט זיינע אַרבעטער צו באַהאַנדלען גוט מענדלען, באַזונדער שטאַרק האָט ער אָנגעזאָגט דעם איטאַליענישן פאָרמאַן, וואָס האָט חוזק געמאַכט פון מענדלען, פאַרוואָס ער גייט אַרום אין דעם בעקערשן פאַרטוך און טוט ניט אויס דעם קאַפּעליוש. מענדל איז געווען דער איינציקער אידישער אַרבעטער אין ישראלס בעקערי און מער ווי מיט ישראלן האָט ער זיך ניט געקענט צונויפרעדן. ישראלס אָנזאָג האָט טאַקע אויף די אַרבעטער געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און זיי האָבן זיך אַלע באַצויגן צו אים מיט גרויס כבוד און רעספּעקט. די אַרבעטער האָבן אויף אים גענומען קוקן ווי אויף אַ גאָט. זיי האָבן שוין גע־אַרבעט מיט פיל אידישע בעקער, נאָר אַזאַ מאַן ווי מענדל האָבן זיי נאָך ניט געזען. דעם ערשטן מאָל אַז מענדל האָט זיך אַוועקגע־

שטעלט דאַוונען מנחה און מעריב, האָבן זיי ניט געוואוסט וואָס ער טוט, נאָר אַז ישראל האָט זיי דערקלערט דאָס ער טוט תפלה צו גאָט, האָבן זיך אייניקע פון זיי איבערגעצלמט. מענדל האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט „בראשו וברובו״, ווי ער וואָלט טאַקע באמת געוואָלט ווערן אַ בעקער, און דער איטאַליענישער פאָרמאַן האָט אים אַלץ דערקלערט אויף שטום-לשון. צו דבורהלען האָט מענדל ניט געשריבן וואָס ער טוט, ער האָט איר מער ניט געשריבן, אַז ער מאַכט אַ לעבן און אַז ער האָפט צו ברענגען איר גאָר גיך צו זיך. דבורהלע וואָלט אפשר געחלשט הערנדיק אַז איר מענדל איז געוואָרן אַ העלפער אין בעקערי, נאָר מענדל אַליין האָט געגליכן די אַרבעט און האָט זיך געפילט פיל גליקלאַכער ווי אין פיטסבורג.

צו א זון אין אמעריקא

שמואל משה דער קאַראַבעלניק איז געווען ביי אים אין שטעטל אַן איינגעפונדעוועטער בעל הבית. ער האָט פאַרמאָגט אַן איי־גענע הויז א געטינקעוועטע מיט גיין גרויסע ליכטיקע פענצטער, א גרויסן ברוקירטן פאַדוואָר, אַ גערטל צום פאַרזייען מערן מיט בורי־קעס, א שפייכלער, א שטאַל, אַ סוכה מיט צוויי פליגלען, א שטאָט אין מזרח שני, צוויי פערעסטע קי, א טעלעצע, זעקס הינער און א ציג מיט דריי קליינע נקודים וברודים׳דיקע ציגעלאך.

פון די קי וועלכע האָבן געשמ׳ט מיט זייערע זיסע און פעטע מילך, האָט שמואל משה זיין חיונה געצויגן, און פון דער ציג פלעגט זיין פעשע פארווייסן אלע טאָג דעם טעפל, און נאָך אָפּשפּאָרן אויף א פונט לונגען מיט א שטיקל קישקע לכבוד שבת.

אמת, אין די פריערדיקע צייטן, פאַר ניקאָלייען, ווען אַלעס איז געגאַנגען כדרך הטבע, איז ביי שמואל משהן געווען אלע טאָג א שטיקל פלייש צו מיטאָג און האָט קיינמאָל ניט געגאַנגען צום טיש אָן אַביסל בראָנפן, נאָר זינט דער מלחמה, וואָס א טרוקענע שטיקל ברויט, איז אן „עולם ומלואו" געוואָרן, און אז שמואל משה האָט נאָך געקענט פליישיק מאכן דעם טעפל, און פאררוקן א טשאָלענט מיט א קישקע, איז דאָס טאָקע געווען פון די גרויסע זאַכן וואָס „לא כל אדם זוכה".

די הינער זיינען אלע געווען לייגעדיקע און קיין קונדן אויף די אייער האָט קיינמאָל ניט געפעלט.

די מיסט פון שטאַל פלעגט ביי זיי צונעמען דער סאלאמשציק פאַר צען זעק שעצקע פאַר די קי, פלעגט ער נאָך צוקויפן א פור היי און אמאָל א קאָשיק לופענעס און איז שוין געווען באַזאָרגט מיט פאַשע פאַר די בהמות ביז נאָך פסח.

ברויט פלעגט פעשע באַקן אַליין ביי זיך אין אויוועז, איז אז זי פלעגט אויסבאַקן א געבעק פון א פוד, פלעגן זיי האָבן אויף גאַנצע פינף וואָכן צום עסן.

קאַרטאָפל פלעגט שמואל משה אָנשיטן א פולע זאַסיפּ, פלעגן זיי האָבן ביז נייע. ציבעלע, לינזען, אַרבעס און בעבלאַך, האָט שוין שמואל משה געהאַט זיין גוי, וועלכער פלעגט דאָס אים אַרויפטראָגן אויף די ווישקעס, און מערן מיט בוריקעס און קרויט, האָט ער געהאַט א פולן קעלער פון זיין אייגענעם גערטל.

זומער פלעגט ער זיך נאָך אַמאָל צוכאַפּן צו א באַקאַנטן גוי אין דאָרף אריין נאָך א פוד קאָרן און אביסל ווייץ, נאָר ווינטער איז מער ווי אין שול דאַוונען איז ער אין ערגעץ ניט געגאַנגען.

האָלץ און וואַסער פלעגט אים אריינטראָגן דערזעלבער שייגעציל וואָס פלעגט אָנפּויען די בהמות און איינהייצן אלע שבת די אויוועלע, דערפאַר פלעגט דער שייגעציל קריגן דריי פונט ברויט א וואָך מיט המוציא חלה אלע שבת אין דער פרי.

אזוי האָט זיך שמואל משה געלעבט מיט זיין פעשען „שמחים בחלקם'דיק" און געדאַנקט דעם בורא עולם, וואָס זיי דאַרפן חלילה ניט אָנקומען אויף דער עלטער צו זייער לייזערן אין אמעריקא. אמת, בחור-ווייז, איידער לייזער האָט חתונה געהאַט מיט ביטרעסן, פלעגט ער אַמאָל צושיקן א פּאָר דאָלאַר אויף א מלבוש פאַר דעם טאַטן, און שרייבן דער מאַמען צו אָנטאָן ווינטער וואָליקעס מיט קאַלאָשן, נאָר זינט ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער נאָך א בריוול ניט געשריבן.

שוין פינף יאָר ווי זיי האָבן פון לייזערן א וואָרט ניט געהערט. פאַר די פינף יאָר האָט זיך שמואל משה פיל געעלטערט און זיין קער־פּער האָט זיך אזוי אויסגעבויגן, אז אָן א שטעקל האָט ער זיך גאָר פון אָרט ניט געקענט רירן.

שמואל משה האָט זיך זייער שטאַרק גענומען צום הארצן פון זיין זונס קאַלטקייט צו טאַטע-מאַמע. עס האָט זיך אים גאָר ניט גע־וואָלט גלויבן אז זיין לייזער זאָל זיך אזוי גיך אין זיי פארגעסן און ניט וועלן וויסן אפילו צו זיי לעבן נאָך.

סטייטש, זייער לייזער זאָל אזוי פאַרהאַרטעוועט ווערן, וואָס האָט ער פאַר אים ניט געטאָן: ער האָט דאָך פאַר אים די בעסטע לערער

און מלמדים געהאלטן, רוסיש אים געלערנט, דעם „הצפירה״ פאר אים אויסגעשריבן, און אז עס האָט אָנגעלאָפן דער פריזיוו, האָט ער דאָך די לאָנקע פארקויפט און אים אין אמעריקא אוועקגעשיקט, אבי ער זאָל חלילה אין פאָניעס הענט ניט אריינפאַלן.

ער האָט זיך דאָס גאָר ניט געקענט שיינקען און פאָרשטעלן זיך, אז זיין לייזער זאָל האָבן פאַרגעסן אָן דעם אלעס, און אז זיי פאַרנעמען שוין ביי אים קיין אָרט ניט אין זיין לעבן.

פעשע ווידער, האָט געהאַלטן אין איין קלאָגן: ווער ווייס וואָס מיט איר קינד האָט געטראָפן, אפשר איז ער חלילה דער׳הרג׳עט געוואָרן. זי הערט זיך דאָך אָן אזוי פיל גרויזאמע געשעענישן וואָס פאַסירן אין אמעריקא, זי ווייס דאָך פון די גאַזעטן אז אין אמעריקא פאַלן מענטשן ווי פליגן.

ביי פעשען איז גאָר אַנדערש ניט פאַררעכנט געוואָרן, אז איר לייזער איז שוין ניט צווישן די לעבעדיקע, און אַז שמואל משה פלעגט פאַרנאַכט אוועקגיין אין שול צו מנחה און מעריב, פלעגט דאן פעשע נעמען איר קרבן מנחה סדור, און זיך גוט אויסוויינען און באקלאָגן איר לייזערן וואָס ער איז אזוי יונג פון דער וועלט אוועקגעריסן געוואָרן.

ווען זי וואָלט געוואוסט איר קינדס יאָרצייט, וואָלט זי דאָך ליכט אין שול אוועקגעטראָגן, דעם שמש „אל מלא רחמים״ געהייסן מאכן און שמואל משה וואָלט דאָך פארן עמוד געדאַוונט און קדיש געזאָגט.

לייזער איז אבער ניט געוועזן געשטאָרבן, ער איז ארומגעגאנגען אָ פאַרביטערטער, א פאר׳מרה שחורה׳טער, און זיך געשטיקט מיט זיין אנטוישונג אין לעבן.

ניט איין מאָל האָט ער וועגן זיינע עלטערן געטראכט: ווען ער וואָלט לעבן זיך זיין טאַטע־מאַמע געהאַט, וואָלט ער אזוי עלנט ניט געוועזן, און וואָלט אפשר אין גאנצן צו דעם אומגליק ניט געקומען. לייזער האָט מיט ביטערעסן ניט געטראָפן. ער האָט ניט געטאָרט חתונה האָבן מיט אָן אַמעריקאַנער געבאָרענע מיידל, מיט אָ מיידל וואָס זוכט נאָר „פלעזשורס״.

ווען לייזער וואָלט חתונה געהאט מיט א היימישע מיידל און וואָלט איינגעאָרדנט אַזאַ ליבע, באקוועמע היים, וואָלט לייזער געלעבט

א רואיקן גליקלעכן לעבן און ער וואָלט טאַקע געוואוסט אַז ער האָט א היים און א פריינט אין לעבן.

לייזער האָט געגליכן, אַז ווען ער קומט אין אָוונט פון דראַג סטאָר, אָפּעסן סאַפּער, פאַרברייגנען אַ ווײַלע אין הויז, לייענען אַ צייטונג, אַמאָל שפּאַצירן אין פּאַרק, אריינגיין זען א גוטע פאָרשטעלונג, אמאָל צו גיין צו א לעקציע אדער באַזוכן גוטע פריינט און באַקאַנטע לאַנדס־לייט, איז דאָס אָבער ניט געווען נאָך ביטרעסעס געשמאַק און אינטע־רעס. ביטרעס זאָגט, אַז סאַפּער קען מען עסן אין רעסטאָראַנט און אַז קיין בעסערער פאַרגעניגן ווי צו פאַרברייגנען ערגעץ אויף בראָדוויי איז גאָר ניטאָ, און אויב דער מאַן איז פאַרמאַטערט און וויל רוען אין דער היים, וועט זי שוין געפינען מיט וועמען צו גיין.

שוין ניט איין מאָל האָט לייזער געוואָלט צוברעכן זיין היים און אנטלויפן וואו די אויגן וועלן אים טראָגן, האָט ער אָבער ליב געהאַט ביטרעסן און האָט אַ טאָג אָן איר ניט געקענט זיין.

פון די אָפטע קריגערייען און צאנקערייען, איז לייזער אריין אין א מעלאַנכאָליע און האָט אָנגעהויבן פארלירן וואָג. זיין פעך שווארצע קאָפּ האָר, האָט זיך אָנגעהויבן זילבערן און זיינע אויגן האָבן זיך פאַררוקט אין צוויי טיפע גריבער.

איין מאָל זיצנדיק אזוי אין אוונט אין הויז אויפן ווייכן דיוואַן און וואַרטנדיק אויף ביטרעסן, איז אים איינגעפאַלן א געדאַנק צו ברייגנען זיינע עלטערן פון יוראָפּ.

אַז ער וועט דאָ האָבן זיין טאַטע־מאַמע, וועט ער אזוי עלנט ניט זיין, ער וועט זיי אָפּגעבן א צימער און זיי וועלן זיך אויסלעבן זייערע יאָרן אין ריינקייט און אין רואיקייט. און אפשר וועט זיך ביט־רעס ענדערן און וועט ווערן מער צוגעבונדן צום הויז און טאַקע צו אים אליין אויך.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט ער וועגן דעם איבערגערעדט מיט ביטרעסן. פריער האָט זי וועגן דעם ניט געוואָלט הערן, נאָר ביסלעכווייז האָט ער איר איינגערעדט און זי האָט מיט צופרידנהייט צוגעשטימט דאָס לייזער זאָל אראָפּברייגנען צו זיך זיין טאַטע־מאַמע פון יוראָפּ.

און טאַקע דעמזעלבן טאָג האָט לייזער אויסגעמאכט אלע פּאַ־פּירן און זיי צו זיינע עלטערן געשיקט.

לייזער איז געווען אַזוי זיכער מיט זייער קומען — אַז ער האָט זיך גלייך אַריבערגעצויגן אין אַ נייער דירה, די צווייטע הויז פון אַ שול, כדי זיי זאָלן ניט האָבן ווייט צום גיין אין שול אַריין דאַוונען.

ביטרעס האָט פאַר זיי אויסגעמעבלט אַ גרויסן ליכטיקן שלאָף־צימער און אַ שאַפּקע מיט פליישיקע און מילכיקע כלים צוגעגרייט.

אַז שמואל משה האָט דערהאַלטן דעם בריוו מיט די אַלע נויטיקע דאָקומענטן, האָט ער אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אַ לויב־געזאַנג געשעפּטשעט צו דעם וואָס לעבט אייביק. פּעשע האָט זיך אין דעם טאָג פאַרפּוצט אין איר שבת׳דיקן פאַרוק און האָט אַ גאַנצן געמעלק מילך צוטיילט פאַר אָרעמע קינדער.

די גאַנצע שטעטל האָט זיי „מזל טוב“ אָפּגעגעבן און מיט זייער שמחה זיך געטיילט. שמואל משה האָט קיין איבעריקע הכנות ניט געמאַכט און האָט זיך טאַקע גלייך אָנגעהויבן גרייטן צו דער נסיעה.

שמואל משהן האָט זיך אַפילו געוואָלט פאָרן אין ארץ ישראל, צו שטאַרבן אין דער לאַנד פון די אבות, נאָר אַז דער זון וויל צו אים, איז דאָס מסתמא מן השמים. אויף דער הויז זיינער האָבן ניט גע־פעלט קיין בעלנים. די באַקאַנטע קריסטן זיינע האָבן אים די שוועלן אָפּגעשלאָגן אַז ער זאָל זיי זיין גאַנצע באַלעבאַטישקייט פאַרקויפן. שמואל משה האָט אָבער ביי זיך ניט געקענט פועלן, אַז זיין הויז וועלכע איז נאָך אַ ירושה פון זיין זיידן זאָל פאַר׳גוי׳שט ווערן, און האָט איר פאַרקויפט צו אַ אידן מיט הונדערט דאָלאַר ביליקער וויפיל די גוים האָבן אים געבאָטן.

עס האָט קיין גאַנצע פיר וואָכן ניט גענומען און שמואל משה מיט פּעשען האָבן שוין געזעסן אין שיף אויף דער וועג צו אמעריקא, צו זייער לייזערן וועלכער איז פּלוצלונג אויפגעשטאַנען „תחית המתים“.

די צוועלף הונדערט דאָלאַר וואָס זייער ווירטשאַפט האָט זיי אַריינגעבראַכט האָט שמואל משה געגעבן פּעשען צום באַהאַלטן און בשעת מעשה צו איר געזאָגט: נאַ, פּעשע, דאָס געלט און פאַרניי דאָס ערגעץ אין אַ זיכערן אָרט אַרום זיך. מיר האָבן דאָך אויף דאָס ביסל געלט אַ לעבן אַ גאַנצן אָפּגעוועבט, און גאָט ווייס וואָס עס שטייט

נאָך פאַר אונז פאַר אין דער גרויסער אמעריקא. פעשע האָט דאָס רויטע נאָז־טיכל מיט די געלט צוגענומען און דאָס פארנייט אין רעכטן ארבל פון איר פליושענעם מאַנטל וועלכן זי האָט שטענדיק געטראָגן אויף זיך.

ביים שיף האָט זיי לייזער מיט ביטרעסן באַגעגנט מיט א שיינעם בוקעט בלומען און האַלדזנדיק און קושנדיק האָבן זיי אהיים אריינ־געקומען.

די ערשטע וואָך איז טאקע ביטרעס פון שטוב ניט ארויס און האָבן אלע צוזאמען פאַרבראַכט זייער פיין אין הויז. לייזער האָט איינ־פאַך אָנגעקוואָלן פון די גוטע און געשמאקע מאכלים וואָס ביטרעס האָט אליין געקאָכט און געפרעגלט און וואָס זי האָט זיך אזוי גע־פלייסט פאר זיין טאַטע־מאַמען. ער איז געווען כמעט ווי זיכער, אז מיט דעם קומען פון זיינע עלטערן וועט זיך א גליקלעכע פעריאָדע אָנהויבן אין זייער פארהייראטן לעבן.

די גוטע מינוט האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאלטן. ביטרעס איז צו גיך צו דער אלטער פּאָר גלייכגילטיק געוואָרן, און האָט אויף דאָס ניי אָנגעהויבן צו פאַרנאַכלעסיקן דאָס הויז, האָט אויפגעהערט צו קאָכן און האָט צוריק אָנגעהויבן צו פאַרפאַלן ווערן ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין. לייזער האָט קיין ווערטער ניט געהאַט פאר זיין טאַטען־מאַמען און האָט געשפּירט ווי דאָס האַרץ זיינס ווערט פארקלעמט פון חרפּה און אויפרעגונג. שמואל משה און פעשע האָבן זיך איבערגע־וואונקען איינע מיט די אנדערע און האָבן פאַרשאַלטן דעם טאָג וואָס זיי זיינען אין אמעריקא געקומען, זיי האָבן כסדר ביי זיך אין צימער געזעסן און באַדויערט דעם ביטערן מזל פון זייער לייזערן וועלכער איז נעבעך אזוי דורכגעפאַלן. ווען זיך אליין האָבן זיי ניט געהאט פיל צו קלערן און צו זיך מיישב זיין, זיי האָבן געוואוסט און גוט באַ־גריפן אין וואָס פאַר אַ פאַרלעגנהייט זיי געפינען זיך. כאָטש לייזער האָט זיי רק געטרייסט, אַז זיי וועט קיין זאַך ניט פעלן. שמואל משה האָט געוואוסט, אז טאַמער ווערט ביי זיי חלילה צוקראָכן דאָס ביסל געלט וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט — זיינען זיי דאָן פאַרלאָרן, קיין בעסערן אויסוועג ווי אוועקצופאָרן אין ארץ ישראל און אָפּגעבן דאָס געלט צו א „מושב זקנים" וואו ער און פעשע זאָלן קענען אויס־

לעבן זייערע באַשערטע ביסל יאָרן אָן מורא און אָן זאָרגן, האָט שמואל משה פאַר זיך ניט געזען. שמואל משה האָט זיך ניט געלאָזן איבער־ריידן פון לייזערן וואָס האָט זיך ביי זיי מיט טרערן געבעטן ביי אים אין הויז צו פאַרבלייבן, און צום חודש איז ער שוין מיט פּעשען אין שיף געזעסן.

א פאָר-קאָוט

שוין דער פערטער ווינטער, ווי רייזעל טראָגט דעם זעלבן ווינטער מאַנטל, וואָס זי האָט זיך געקויפט צו דער חתונה. ער איז שוין אפילו אָפּגעטראָגן, אויסגעריבן, און אין אייניקע ערטער א פּאָר ניט קענטיקע פארצירעוועטע לעכלעך. דאָך איז רייזעל ביי זיך גאָר ניט געווען גענאַרט און האָט גאַנץ גוט באַגריפן, אז פון איר מאַנס פאַרדינסטן קען זי ניט נאָר וועגן א פאָר־קאָוט חלומ׳ען, נאָר אפילו פון א לייטישן טוכענעם מאַנטל אויך ניט. זי האָט גאַנץ גוט גע־וואוסט ווי שווער איר קומט אָן צו באַצאָלן דירה געלט אלע ערשטן, און ווי זי קען קיינמאָל אין צייט ניט באַצאָלן פאר די מילך, און דאָך האָט זי ניט אויפגעהערט צו פאַנטאַזירן פון א פּאָר־קאָוט, און דאָס איז איר איין אייציקער חלום און וואונש געווען אין לעבן. שוין ניט ריידנדיק, וואָס בייטאָג האָט זי פון פאָור־קאָוט געטראַכט, נאָר אפילו ביינאַכט האָט זי זיך מיט דעם וואונש ארומגעטראָגן. זי האָט איינפאַך איינשלאָפן ניט געקענט. ניט געלאָזן האָט איר דער פּאָר־קאָוט. אין אירע געדאנקען האָט זיך א פּאָר־קאָוט געוועבט און גע־פלאָנטערט. ניט אויס קנאה צו אירע פריינט, וועלכע האָבן אלע געטראָגן גוטע און טייערע פּאָר־קאָוטס, האָט זיך איר דאָס אזוי גע־וואָלט. ניין, דאָס קען מען אויף רייזלען ניט זאָגן. רייזעל איז געווען א טייערע נשמה און האָט קיינמאָל קיינעם ניט מקנא געווען, פאַר־קערט, זי האָט שטענדיק ארויסגעוויזן צופרידנהייט, ווען אירער א פריינט פלעגט אָנטאָן עפּעס א נייע זאַך. רייזעל האָט געוואָלט איר רייכן חתן, דעם געוועזענעם, די אויגן פאַרבלענדן, אז ער זאָל פון איר אָרימען, מידן לעבן ניט וויסן.

זי האָט מיט דעם אים געוואָלט איבערצייגן, ווי ווייט גליקלאַך און צופרידן איר לעבט זיך פאר פיוולען...

פון רייזעלס אַלע פריינט האָט זיך איר געלעבט ערגער פון אַלעמען. אַלע אירע באַקאַנטע און גוטע פריינט, וואָס האָבן געהייראַט מיט איר אין איין צייט, האָבן זיך שוין איינגעאָרדנט אין דריי און אין פיר שיינע צימערן אין נייע אויסגעבויטע הייזער און אין אַ שיינעם געגנט. כמעט אַלע האָבן זיך שוין איינגעשאַפט שיינע היימען; נאָר זי אַליין שטיקט זיך נאָך אַלץ אין אַן ענגן שלאָף־צימער ביי פרעמדע מענטשן. איר פייוול, וועלכער איז זייער אַ גוטער פּרינטער, וואָלט גאַנץ גוט אויסגעמאַכט, ווען ניט זיין מאָגן־פעלער, וועלכער רויבט אוועק פון אים יעדע וואָך אַ פּאָר טעג אַרבעט און לייגט אים צום בעט אָן אויפגעקאָרטשעטן אין דרייען. פייוול, וועלכער האָט ליב געהאַט רייזלען מיט דעם גאַנצן פייער פון זיין האַרצן, וואָס האָט איר אונטער קיינע אומשטענדן ניט געלאָזן גיין אַרבעטן, האָט גאַנץ גוט געוואוסט פון דעם סוד, מיט וועלכן רייזעל טראָגט זיך אַרום ביחידות, און דאָס האָט אים אין דער שטיל געפּייניקט זיין געמיט און נשמה און טיף געצופּט און גענאָגט אין זיין האַרצן. רייזעל האָט וועגן דעם קיינמאָל אַפילו אים אָנצוהערעניש ניט געגעבן, און ער האָט דאָס אינסטינקטיוו באַנומען און באַאָבאַכטעט, ווי דערציילט וואָלטן אים אירע צוויי שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן כסדר געקוקט מיט אַ געפיל פון אומרו און רחמנות.

פייוול האָט ביי זיך גאַנץ גוט געוואוסט פאַרוואָס רייזעל זיצט אָפּ גאַנצע טעג אין הויז און פאַרוואָס זי האָט שטענדיק געפונען אַ געלעגנהייט אויסריידן אירע פריינט ווען זיי האָבן איר פּאָר אַ שפּאַציר גערופן. אַפילו מיט אים אַליין האָט זי זעלטן ווען געגאַנגען אַ שבת פאַרנאַכט אָדער אַ זונטיק בייטאָג אין פּאַרק אָדער צו אַ פריינט. אין אָוונט פלעגן זיי זיך אַמאָל אַרויסכאַפּן פאַרן שטוב, זיצן אַ ווײַלע אויף אַ באַנק און אַריינלויפן גלייך צוריק. פייוולען האָט זייער פיל געקרענקט וואָס ער קען זיין רייזלען ניט מאַכן גליקלעך, פאַרוואָס ער קען איר קיין גוטע און באַקוועמע היים ניט געבן, קיין לייטישע מעבל זיך ניט איינשאַפן, אויך פאַרוואָס ער קען איר קיין פּאַר־קאָוט ניט קויפן... שטאַרק קימערן און ערגערן פלעגט אים, ווען רייזעלס פריינט פלעגן אַריינקומען צו זיי אין הויז אַריין און ריידן פון זייערע היימען, פון זייער צופרידענעם לעבן און

זיך דרייען אלע מינוט אין שפּיגל און גלעטן זייערע גוטע פּאַר־קאָוטס. אמת, זיי האָבן קיין שלעכטע געדאַנקען דערבײַ ניט געהאַט, און האָבן ניט געצילט דערבײַ צו מאַכן רייזלען פילן שלעכט און נידערגעשלאָגן, אָבער אים האָט זייער האַלטונג זייער פיל גערירט און דאָס האָט זיך זייער שלעכט אויף זיין געזונט־צושטאַנד אָפּגערופן.

פּייזול האָט זייער ווינציק אַכט און פּאַרזיכטיקייט צו זיין געזונט געשענקט. ער האָט בעסער געטראַכט, געזוכט א וועג, א מעגלעכקייט ווי אַזוי רייזלען פון דעם איינגן שלאָף צימערל ארויסכאַפּן און איר גליקלעך מאַכן. רייזעל ווידער האָט פיל מוט און האָפנונג געהאַט, אז פּייזול וועט גיך געזונט ווערן און האָט דעם פולן צוטרוי און גלויבן געהאַט אין דעם גרייז־גרויען דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך זייער ערנסט באַנומען ביים עקזאַמענען אים דעם ערשטן מאָל. זי האָט אומגעדולדיק שוין געוואַרט איבערשטופּן די צען טעג און הערן וואָס דער דאָקטאָר וועט זאָגן און וואָס פאַר אַן ענדערונג ער האָט אין אים געפונען. אמת, פּייזול האָט זיך פאר די צען טעג ניט געבעסערט און האָט די זעלבע שלאָפלאָזע נעכט געהאַט ווי פריער, נאָר דאָך האָט איר דאָס האַרץ געזאָגט, אז דער נייער דאָקטאָר וועט אים צוטרעפן און איר פּייזול וועט פאָלקאָם געזונט ווערן. רייזלען האָט זיך דאָס מאָל געוואָלט מיטגיין מיט פּייזולען און הערן פון דאָקטאָר וואָס זי האָט דערוואַרטעט, נאָר פּייזול האָט איר אָפּגערעדט און זי איז אין הויז געבליבן זיצן.

ארויסגייענדיק פון הויז האָט פּייזול אָנשטאָט צו גיין צום דאָקטאָר אוועק אין א גאַנץ אנדער און באַשיידענער ריכטונג. ער האָט זיך דורך א רעשיקער גאַס דורכגעשטופּט און האָט זיך אין א שמאָלער געסל אריינגעדרייט און נעבן א צוועלף פלאָרידיקער הויז שטיין געבליבן, פּרעסנדיק א באַטן האָט אים אַן עליוויטער איינגעשלונגען און אים אויפן עלפטן פלאָר אויסגעשפּיגן. דאָס איז ער אין פאַבריק אוועק. פּייזול האָט ביי זיך באַשלאָסן, אז ווי שלעכט ער זאָל זיך ניט פילן, וועט ער מער אין בעט ניט ליגן און אונטער קיינע אומשטענדן מער צום דאָקטאָר ניט גיין. ער מוז ארבעטן פולע זעקס טעג אין וואָך און נאָך אריינ׳גנב׳ענען א פּאָר מאָל אין וואָך עטלעכע איבערשטונדן און אזוי ארום וועט ער אין א פארלויף פון עטלעכע

מאַנאַטן זיך קענען דערשלאָגן צו א פּאָר הונדערט דאָלער און זיך קענען שטעלן אויף די פיס. די ערשטע פּאָר וואָכן האָט טאָקע פּייוול געמיינט אז ער פּאַלט ביים מאַשין און אז ער וועט מוזן זיין פּלאַץ אויפגעבן, נאָר אז ער האָט א קוק געטאָן אויף זיין אָפּגעשפּאָרטן ביכל און עטלעכע מאָל דורכגעלייענט זיבעציק דאָלער, האָט ער אין זיינע שמערצן פאַרגעסן און מיט גרויס אימפּעט און שנעלקייט די מאַשין געיאָגט און געטריבן.

צו רייזעלס פרייד איז גאָר קיין גרעניץ ניט געווען און א ניט זיכערער שמייכל האָט זיך אין איר שטענדיק טרויער־איינגעהילטן געזיכט פאַר׳גנב׳עט. רייזעל איז געווען זיכער אז דער נייער דאָק־טאָר האָט פּייוולען זייער צוגעטראָפן, און האָט ביי אים די קראַנקשאַפט ווי מיטן האַנט צוגענומען. אמת פּייוול האָט אויסגעזען מידער און בלאַסער ווי אַלעמאָל, די באַקן מער איינגעפאַלן און די גריבער ארום זיינע אויגן האָבן זיך געגראָבן אַלץ טיפער און טיפער און ביינאַכט האָט ער געשלאָפן נאָך אומרואיקער ווי פריער, נאָר וויבאַלד ער איז אין בעט ניט געלעגן און ניט גע־דאַרפט שלינגען די גאַל־ביטערע פּילן און דעם דאָקטאָר ניט גע־דאַרפט רופן, האָט דאָס איר ניט באַאומרואיקט אַזוי.

פאַר דער צייט וואָס פּייוול האָט ניט געקרענקט, האָט זיך רייזעל ארומגעצאַלט פון אירע חובות, א ניי־מאַשין אין שטוב אריינגענומען און האָט געהאָפט אז נאָך א וואָך אָדער צוויי וועלן זיי רומס אין א שיינעם און געזונטן געגנט נעמען און וועלן א היים איינאָרדנען מיט לייטן גלייך און אויך א פאַר־קאָוט זיך קויפן. ניט נאָר רייזעל אליין האָט אויפגעלעבט און אויסגעקוקט יינגער און מילדער, אויך איר קליינער און שטענדיק פאַר׳אבל׳טער שלאָף־צימער האָט א לעבעדיקן אויסזען באַקומען. די אַלע פלעשלעך מיט די רפואות, וועלכע זיינען געווען אָנגעשטעלט אויפן דרעסער האָט רייזעל אראָפּגעראַמט און די בעט איז מיט א ווייס געפּרעסטע דעקע געווען פאַרשפּרייט.

ווען פּייוול האָט שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרטע דריי הונדערט דאָ־לער האָט ער פון באַנק די געלט ארויסגענומען און רייזלען א פאַר־קאָוט געקויפט. אריינקומענדיק אין שטוב האָט ער רייזלען מיט אירע פריינט ביי אַ גלאָז טיי זיצנדיק געטראָפן. פּייוול האָט פאַנאַנדער־

געבונדן די באָקס און דעם פּאַר־קאָוט ארויסגענומען. דאָס איז פאר דיר, מיין טייערע, האָט ער געזאָגט. איך האָב דאָס דיר א פּרעזענט געקויפט. היינטיקער טאָג איז ביי מיר א הייליקער, היינט איז דאָך פיר יאָר נאָך אונזער חתונה. טריי אים אָן, טייערע, איך וויל זען ווי ער קלייד דיר. מיט טרערן אין די אויגן און מיט ציטערנדע שעפּטשענ־דיקע ליפּן און מיט עפּעס א מאָדנע מורא האָט רייזעל אָנגעטאָן דעם פּאַר־קאָוט און ניט אראָפּגענומען די אויגן פון פייוולען.

— מיין טייערע, גיי נאָר צו צום שפּיגל וועסטו זען ווי פיין און שיין דער פּאַר־קאָוט ליגט אויף דיר. ער מאַכט דיר דאָך אזוי יונג און גראַציעז...

רייזעל איז געווען אזוי באַגייסטערט און צעשראָקן, אז זי האָט אין א היסטעריקע אריינגעפאַלן. ערשט שפּעטער אז אירע פריינט זיינען שוין געווען אוועקגעגאנגען איז רייזעל צו זיך געקומען. דעם אָוונט איז שוין רייזעל אין ערגעץ ניט געגאנגען. זי האָט דעם פּאַר־קאָוט אין קלאָזעט פארשלאָסן און דעם שליסל אין איר פּאַקעט־בוך אריינגעלייגט. פייוול האָט געמאַכט א גלאָז טיי און איז גלייך שלאָפן געגאַנגען. רייזעל האָט דעם פייער אויסגעלאָשן און געזעסן א ווייל־ע אין דער פינצטער. פארשידענע אָפּשטויסנדע און שרעקלעכע געדאנ־קען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין איר מח און האָט זיך מיט אומרו און מורא צוגעהערט צו פייוולס קרעכצן פון שלאָף. נאָך קיינמאָל האָט פייוול אזוי ניט געקרעכצעט און נאָך קיינמאָל האָט ער אזוי שווער געאָטעמט און נאָך קיינמאָל האָט זיך אזוי שטאַרק די האַרץ ביי אים ניט געהויבן ביינאַכט... מיט דעם געדאנק אז מאָרגן אז וועט זי מיט פייוולען אריינגיין צום דאָקטאָר, איז זי געגאַנגען שלאָפן. זי האָט אָבער א גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפן. עפּעס האָט זי זיך פאר דעם פּאַר־קאָוט געשראָקן און זי האָט געוואָלט אז די נאַכט זאָל שוין זיין פאַריבער. אין דער פרי האָט פייוול געדאַרפט ערגעץ צוגיין און אין אָוונט האָט ער צום דאָקטאָר ניט געוואָלט גיין. ער האָט געהאַט צוויי בענעפיט טיקעטס און איז מיט רייזלען אוועק צו א פאָרשטעלונג. רייזעל האָט אָנגעטאָן איר נייעם פּאַר־קאָוט און פייוול זיין אָפּגעטראָ־גענעם, אויסגעריבענעם ווינטער־מאַנטל.

אין טעאַטער האָט זיך רייזעל מיט אירע פריינט געטראָפן און זיי האָבן אַלע צו איר אין צימער אַריינגעקומען. רייזעל האָט געמאַכט קאַפע און פּייוול איז אַראָפּ אין בעקערי נאָך קייק. דעם אָוונט האָבן זיי פאַרבראַכט זייער גוט און האָבן אַזוי ביז דריי פאַרטאָג געזעסן און זיך דערציילט מעשיות. פּייוול מיט רייזלען האָבן זיי צום סטיישאַן צוגעפירט און געגנאַגען גלייך אַהיים. אויף מאָרגן איז פּייוול אַוועק אין פאַבריק מיט דעם געדאַנק צו שפּאָרן געלט אויף איינצואָרדענען אַ היים. ער האָט שוין אָבער לאַנג אַזוי ניט געקענט אַרבעטן. איינמאָל שטייענדיק אַזוי ביים פּרעס, האָט זיך ביי אים בלוט דורכן האַלז דורכגעריסן און איז מאַכטלאָז ווי אַ שעפּס אַ געשאָכטענער, אויף דער ערד געבליבן ליגן. אַז די טייערע בשורה האָט דערגרייכט רייזלען, איז שוין פּייוול אין האָספּיטאַל געלעגן. פאַר די זעקס וואָכן וואָס רייזל איז געזעסן ביי זיין בעט האָט ער איר רק געטרייסט, אַז ער וועט גיך געזונט ווערן און אַז ער וועט גלייך נעמען רומס אין אַ שיינעם געגנט. פּייוול איז שוין אָבער צוריק אַהיים ניט געקומען. אויף דער זיבעטער וואָך האָט זיך ביי אים נאָך אַמאָל דורכגעריסן בלוט און ער איז גלייך געשטאָרבן.

שוין דריי יאָר צייט פאַראיבער, און רייזעל איז נאָך אַלץ אין דעם זעלבן איינגן שלאָף־צימער און דער פאַר־קאָוט הענגט אַ פאַרשלאָסענער אין קלאָזעט ביז היינטיקן טאָג...

צוויי מאַמעס

דאָס, וואָס דער געריכט האָט צוגעפּסקנט, אַז וויקטאָר זאָל אָפּגטן פּענין, האָט איר דאָס ווייניק וואָס געקימערט. זי האָט אויף דער גליקלאַכער מינוט גאַנצע פינף יאָר געוואַרט. אָבער וואָס זי האָט געמוזט אָוועקגעבן איר פיליסן, איר איינציק טרייסט און אינ־טערעס אין לעבן צו אַזאַ בעסטיאַלישן, קאַלטבלוטיקן פאָטער, וועל־כער האָט פאַלשע עדות אָנגעשטעלט און קעגן איר מיט אַזאַ געמיי־נעם, אונמאָראַלישן בלבול אַרויס, האָט איר האַרץ גאָרניט געקענט שטילן.

איר צער איז אַזוי גרויס געוועןְ, דאָס קיינער האָט איר נישט געקענט טרייסטן.

צען יאָר אַז זי האָט געליטן און זיך געשטיקט מיט די תעתועימשע אויפפירונגען און באַנעמונג פון איר ברוטאַלן מאַן, נאָר צוליב פיליסן, ווייל זי האָט איר פאַר אַ לעבעדיקער יתומה ניט געוואָלט מאַכן. זי וועט דאָס גאָרניט אַריבערטראָגן; אָן פיליסן איז די וועלט פאַר איר א לערע און דער לעבען אינגאַנצן אַן אויסגעשעפּטער, אַן אויסגעלעבטער.

פיליס איז נאָך דאַן קיין פולע ניין יאָר ניט אַלט געוועןְ.

פאַרוואָס איר פאָפּאַ האָט איר געבראַכט אין א נייער הויז און האָט איר געהייסן רופן דער יונגער מאַרגאַרעט, מאַמע — האָט פיליס ניט פאַרשטאַנען. זי איז געשטאַנען מיט טרערנדיקע אייגעלאַך, און א צעשראָקענע זיך געטוליעט צו איר פאָפּאַ, וועלכער האָט בשעת מעשה נערוועז געביסן די נעגל פון די פינגער.

און אַז די קליינע פיליס האָט ארומגענומען איר פאָפּאַ, און האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס קומט ניט די אמתע מאַמע, די גוטע מאַמע, וואָס נייט איר אַזעלכע שיינינקע קליידעלאַך, און נעמט איר יעדן אין דער פרי אַריין צו זיך אין בעט און דערציילט איר אַזעלכע

שיינינקע מעשהלאַך — האָט איר דער פּאַפּאַ אין גאַס גענומען און איר פּאָר פינף דאָלאַר שפּילצייג געקויפט. פיליס האָט אַ ווילע געשפּילט אויף דער קינדערשער וויקטאָראָלע און האָט גלייך אויפ־געהערט. זי האָט זיך צו איר מאַמע געריסן.

— קום, פּאַפּאַ, איך וויל ניט די נייע מאַמע. לאָמיר גיין אַהיים, די אמתע מאַמע וועט מיך זוכן אין גאַס. קום, איך האָב נאָך מיינע לעסאָנס ניט געמאַכט, און קיין פּיאַנע נאָך הייגט ניט געשפּילט.

אויף מאַרגאַרעטן האָט זי אַ קוק געבן מורא געהאַט; ווי גע־פילט וואָלט זי אינסטינקטיוו, אַז דורך איר איז זי און איר מוטער אַזוי פאַראיינזאַמט געוואָרן. נאָר אַז איר פּאַפּאַ האָט איר פאַרזיכערט, אַז מאָרגן וועט ער איר צו דער מאַמע נעמען — האָט זי אַ גלאָז מילך געטרונקען און מיט אַן אומרואיק הערצל שלאָפן געגאַנגען.

די נאַכט האָט פיליס זייער ניט רואיק געשלאָפן. זי האָט זיך אַלע ווילע אויפגעכאַפּט און גערעדט פון שלאָף האַלבע, אָפּגעהאַקטע, ניט פאַרשטענדלאַכע ווערטער. אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי און ברייט צעעפנט אירע צוויי גרויסע, שוואַרצע אויגן — האָט זי זיך גלייך צעשריען: מאַמע! דער פּאַפּאַ אירער איז שוין אַוועק־געגאַנגען אין אָפיס, און מאַרגאַרעט איז צו איר צוגעקומען, און ווען פיליס האָט איר נעבן זיך דערזען, האָט זי זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און פאַרשטיקטערהייט געוויינט: פּאַפּאַ!

מאַרגאַרעט האָט צערטלאַך פון איר די קאָלדרע אַראָפּגענומען און איר אויפן האַנט גענומען.

— וויין ניט, פיליס, פּאַפּאַ איז אַוועק אין אָפיס. אַז ער וועט קומען וועט ער דיך נעמען צו דער מאַמע. קום, טו זיך אָן, עס עפּעס און גיי אין סקול. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, אַז פיליס איז אַוועק אין סקול מיט ניט קיין געפּרעסטע קליידעלע און מיט ניט קיין גערייניקטע ציינער.

די מאַמע האָט פאַר איר אימער געהאַט אָנגעגרייט אַן אויסגע־פּרעסטע קליידעלע און אַ שלייף, און פלעגט אַלע אין דער פרי איר צופירן צום סקול.

דעם מאָל איז פיליס געגאַנגען אַליין, אַן אומעטיקע און מיט בלאַנדזשענדיקע אויגעלאַך געזוכט איר מאַמען צווישן די אַלע מאַמעס,

וועלכע האָבן פרייליכע געפירט זייערע קינדערלאַך פאַר די הענטלאַך אין סקול. פיליס האָט אָבער איר מאַמען נים געפונען, און האָט אַ בענקענדיקע, מיט אַלע קינדערלאַך אין קלאַס אַריינגעשטראָמט. צו דער צווייטער שעה האָט די לערערין באַמערקט ווי פיליס זיצט און וויינט. אַז די לערערין האָט ביי איר געפרעגט פאַרוואָס זי וויינט, האָט זי זיך אַזוי היסטעריש צעוויינט, אַז זי האָט געמוזט נאָך איר מוטער שיקן.

און ווען פעני, איר מוטער, איז אַריינגעקומען אין קלאַס, האָט פיליס זיך אַרויפגעהאַנגען אויף איר האַלז. די מוטער האָט איר צוגע־דריקט צו זיך, און אַזוי זיינען ביידע פון קלאַס אַרויסגעגאַנגען.

— מאַמע, — האָט פיליס געפרעגט וויינענדיק, האַלטנדיק די הענט אַרום דער מאַמעס האַלז, — פאַרוואָס האָסטו געלאָזט דעם פאָפּאַ מיך נעמען צו אַן אַנדער מאַמע? איך וויל נים די נייע מאַמע. נעם מיך אַהיים און לאָז נים דעם פאָפּאַ מיך נעמען נאָכאַמאָל צו איר. זע, מאַמע, אין וואָס פאַר אַ נים־ריין קליידעלע זי האָט מיך געשיקט אין סקול און האָט מיך געלאָזן אַליין איבערגיין די גאַס. איך וויל נים די נייע מאַמע. דו ביסט מיין מאַמע. פאַר דער נייער מאַמע שרעק איך זיך, איך האָב מורא פאַר איר. קום, מאַמעלע, נעם מיך אַהיים.

פעני וואָלט זיך וועלן באַהערשן און נים וויינען אין פיליס געגנ־וואַרט, קען זי אָבער נים. עס שטיקן איר די טרערן. זי טוליעט צו פיליסן צו איר ברוסט און באַפייכט דעם קינדס נים־פאַרקעמטע הערעלאַך מיט אירע זודיקע טרערן. פעני וואָלט וועלן איצט אַנט־לויפן מיט פיליסן, אַרבעטן אונטער די שווערסטע און אומבאַקוועמסטע באַדינגונגען, אַבי צו קענען שענקען מיט פולן מאָס איר קינד די מוטער ליבע, נאָך וועלכעס דאָס קינד אירס בענקט און שמאַכטעט אַזוי. זי האָט אָבער מורא פאַר אַזאַ דרייסטן שריט. אין פאַל, אַז מען זאָל אויסגעפינען וואו זי איז, קען זי נאָך אַמאָל אינגאַנצן פאַרלירן איר קינד. גיט זי זיך איבער צו דעם גרויזאַמען שיקזאַל און רעדט דעם קינד איין צו גיין צו דער נייער מאַמע.

האָב נים מורא, טייערע, פאַר דער נייער מאַמע. עס איז ניטאָ פאַרוואָס זיך צו שרעקן. אַז דו וועסט איר פאָלגן אַזוי ווי מיר, וועט

זי זיין גוט צו דיר און זי וועט דיר געבן אַלע גוטע זאַכן, און וועט מיט דיר אַלע טאָג אין פּאַרק שפּאַצירן גיין. זי וועט דיר אויך נייען ווי איך שייניקע קליידעלאַך, זי וועט דיר קויפן קאָלירטע שלייפעלאַך און נאָך אַ סך גוטע זאַכן. גיי איצט, פּילים טייערע, צו דער נייער מאַמע, און אַביסל שפּעטער וועל איך דיך קומען נעמען צו מיר און וועסט שוין זיין אַלעמאָל מיט מיר. גיי, מיין קינד, גיי, ווייל באַלד וועט פּאַפּאַ דיך קומען זוכן.

פּילים קושט די מאַמע, וויינט און בעט זיך ביי איר:

— מאַמע, פאַרוואָס האָסטו מיך פיינט באַקומען, פאַרוואָס לאָזטו מיך אוועקגיין פון דיר, וועט שוין דער פּאַפּאַ מיט מיר מער קיינמאָל ניט קומען צו דיר? וועסטו שוין מיט מיר מער קיינמאָל ניט גיין צום פּיאַנע־לערער הערן ווי איך שפּיל, זאָג, מאַמע, פאַרוואָס? נעם מיך, מאַמע, צו דיר, איך וויל ניט האָבן צוויי מאַמעס. אַלע מיינע פריינט האָבן מער ניט ווי איין גוטע מאַמע...

— מיין קינד, הער זיך צו טייערע — היינט גיי צו דער נייער מאַמע. מאָרגן וועל איך קומען צום סקול און וועל דיך נעמען צו מיר אַהיים. איך וועל דיך נעמען, טייערע, צום פּיאַנע־לערער און איך וועל דיך אויך אָפּגעבן לערנען טאַנצן. יע, מאָרגן אין דער פרי, טייערע, איצט גיי פּילים.

פּילים איז אַוועק אַהיים צו דער נייער מאַמע, און פּעני קערט זיך אום אַ צעבראָכענע צו איר פּוסטער היים...

און אַזוי טרעפן זיך מאַמע און טאָכטער אַלע פרימאָרגן אין הויף פון סקול, צעקושן זיך, וויינען זיך גוט אויס, רעדן אַ ווײַלע און צעשיידן זיך. די ערשטע עטלאָכע וואָכן האָט פּילים ניט געקענט אויסהאַלטן פון בענקשאַפט צו איר מאַמע. זי איז איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג. זי האָט אויפגעהערט עסן און שלאָפן און האָט געהאַלטן אין איין וויינען.

דער דאָקטאָר האָט וויקטאָרן שוין אייניקע מאָל געזאָגט, אַז דאָס קינד קען פון בייגקשאַפט קראַנק ווערן. גייט ער ארום אַ צעטראָגע־נער ניט ווויסנדיק וואָס צו טאָן מיט איר. ערגער פון אַלץ האָט אים געערגערט און געקרענקט, וואָס פּילים גלייכט ניט מאַרגאַרעטן און וואָס זי שטויסט איר אַוועק פון זיך מיט כעס און מיט פאַרביסענער שנאה.

פעני, די מאַמע אירע זעענדיק וואָס פון איר פּיליסן איז געוואָרן, ווי איר קינד גייט אויס ווי אַ ליכט, האָט זי ביי זיך באַשלאָסן ניט צו לאָזן איר קינד מערליידן און בענקען.

איינמאָל, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט ביים סקול־הויף און פּיליס איז איר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלז און איר געקושט מיט אירע פאַרשמאַכטע טרוקענע ליפּעלאַך — האָט זי גענומען פּיליסן פאַר אַ הענטל און מיט איר אַוועק.

און אַז פּיליס איז ביינאַכט ניט געקומען שלאָפן, האָט וויקטאָר געוואוסט אַז פּיליס איז אַוועק מיט איר מאַמע.

ער האָט דאָס פאַראויסגעזען, און זיך פון דעם צום האַרצן ניט גענומען.

פישל דער פּאַליסמאַן

„פישל דער בעל החלומות" האָבן מיר אים גערופן ביי אונז אין שטעטעלע. פישל האָט געחלומט וועגן אַ רואיקן אידילישן לעבן, ערגעץ אויף די בערג פון יהודה אָדער אין גליל ביים ירדן און דעם כנרת. פישל האָט זיך מיט דעם ארץ־ישראל געדאַנק, מיט דעם זיסן החלוץ חלום, נישט נאָר ערגעץ אין אַן איינזאַמען ווינקל אומגעטראָגן, נישט נאָר צווישן געדיכטע בוימער אין אַ ווייטן וועלדל מיט דעם חלום ביחידות געוועזן — ניין. פישל האָט דעם ארץ־ישראל חלום אין הילצערנעם בית־המדרש אריינגעבראַכט, אין חסידים שטיבל צו שלש סעודות מיט אים געקומען, פאַר אַלעמען דערציילט, פאַר אַלעמען געוויזן, ווי ער וועט אַרבעטן, ווי ער וועט מיטן אַרבל דעם שווייס פון שטערן אָפּווישן.

אויסגעבטלט צו זיינע אַלע חלומות האָט נישט נאָר זיין טאַטע, אברהם שלמה, וועלכער איז געווען אַ פאַרברענטער מתנגד פון ארץ־ישראל, וועלכע די ציוניסטן, ווילן פאַר דער צייט די אידן אין איר אַריינברענגען — נאָר אויך מיר, יונגע חברה, האָבן פון אים חוזק געמאַכט און מיטן נאָמען פישל דער „בעל החלומות" אים באַקרוינט.

אַז פישל האָט אַ קוק געגעבן אַז די אַלע „תחנות ותחנונים" זיינען ארויסגעוואָרפן און אַז זיין פאַרעקשנטער טאַטע וועט קיינמאָל נישט מסכים זיין אויף זיין אַוועקפאָרן אין ארץ־ישראל, איז פישל אַוועק זיך לערנען פאַר אַ וועבער, מיט דער כונה צו פאַרדינען אויף „הוצאות הדרך" און פאַרווירקלעכן זיין חלום, זיין שטרעבן, וועלכער ציט אים אַהין צו דעם לאַנד פון די אבות.

זיצנדיק ביים וועב־שטול, וואו פייל און בויגנדיקע דריי שיצן האָבן אַ דיקע ווינטערדיקע סחורה געוועבט און געפלאָכטן, פלעגט פישל כלערליי ארץ־ישראל לידער אויסזינגען. הויך בהרחבההדיק פלעגן זיך קייקלען די אַנגעזאָפּטע האָפנונגס־טענער פון דער „התקוה"

איבער דער גרויסער פוסטער פאַבריק, וואו פישל מיט אַ דאָרפּישן אויסגעדינטן סאָלדאַט האָבן זיך פאַר וועבער געלערנט. נאָך אַ שווערן קיילעכדיקן יאָר פון שווערער אַרבעט, האָט זיך פישל גוט די אַרבעט אויסגעלערנט. און אַז פישל האָט שוין געהאַט פאַרדינט דעם ערשטן פינף־און־צוואַנציקער און איז אַוועק אין אופּראַווע אַ גובערנאַטאָרסקן פּאַספּאָרט מאַכן פאַר ארץ־ישראל, האָט אויף מאָרגן די וועלט־מלחמה אויסגעבראָכן און פישל איז פאַר אַ סאָלדאַט אין דער רוסישער קאַ־וואַלעריע צוגענומען געוואָרן.

גאַנצע פינף יאָר האָט מען פון פישלען אַ וואָרט ניט געהערט. זיין מאַמע, פעשע לאה, איז פון צער און ווייטיק אָפּגעשטאָרבן. זיין טאַטע, אברהם שלמה, איז אַלט און גרוי געוואָרן, און מיר האָבן שוין ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרגעסן, אַזוי ווי עס איז גאָר קיינמאָל קיין פישל אויף דער וועלט ניט געווען. ביי אונז איז גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז פישל אברהם שלמהס, דער „בעל החלומות", וועלכער האָט זיך מיט דעם החלוץ גייסט אַרומגעטראָגן, ליגט ערגעץ באַגראָבן אין אַ לאָנקע, וואו פערד פּאַשען זיך.

אָבער נישט געשטאָרבן איז פישל דער „בעל החלומות". אונ־טער דעם שווערן יאָך און שטרענגער דיסציפּלין פון דעם עסטרייכישן געפאַנגען־לאַגער האָט פישל אין זיין ארץ־ישראל חלומות אַ טרייסט געפונען.

און צווישן דעם ערשטן אַטריאַד געפאַנגענע, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט אין רוסלאַנד — איז פישל אברהם שלמהס געווען.

אַ יום־טוב איז געווען אין שטעטל, ווען פישל דער „בעל החלומות" איז צוריקגעקומען אַ גאַנצער, אַ געזונטער. אַלע האָבן דעם אַלטן צעבראָכענעם אברהם שלמהן מזל טוב אָפּגעגעבן.

נו, מיין „בן יחיד" — האָט ווי אַ קינד געכליפּעט דער אַלטער אברהם שלמה — איצט זע איך, אַז אַ דאַנק דיין ליבע צו ארץ־ישראל, האָט דיך דער גאָט פון ציון פון אַלע פייערן אויסגעהיט. איצט, מיין קינד, בין איך מסכים, פאַר זיך מיט הצלחה. אַט איז דיין מאַמעס, עליה השלום, גאָלדענער זייגער, גיי זיך, מיין קינד, און פאַרקויף דעם זייגער און פאָר אַוועק אין ארץ־ישראל.

פישל האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט, געמאַכט אַ פּאַספּאָרט, איינגעאָרדנט די אויסלענדישע וויזעס און אין אַ קורצער צייט אַרום אין ארץ־ישראל אַוועקגעפאָרן.

אַז פישל איז געקומען אין ארץ־ישראל איז ער גלייך אין דער „משטרה״ אַריין. פישל דער „בעל החלומות״, וועלכער איז געלעגן אין די רוסישע אָקאָפּעס און געחלומט פון ארץ־ישראל איז אַ פּאָליס־מאַן געוואָרן.

פריי און גאוהדיק שפּאַצירט אַרום פישל אין די גאַסן פון דער הייליקער היסטאָרישער ירושלים. מיט דער גרעסטער „מסירות־נפש״ איז פישל גרייט זיך צו וואָרפן קעגן די אַלע אידישע שונאים, וועלכע ווילן מחלל זיין דעם כבוד און שטאָלץ פון די קינדער אין ציון. און ווען אין ירושלים איז דערגרייכט געוואָרן די ידיעה פון דעם פּאָגראָם אין יפו, האָט זיך פישל דער ערשטער אין שלאַכטפעלד באַוויזן און אין פייער זיך געוואָרפן.

ניט געשראָקן האָט אים די גרויסע ווילדע מחנה פון די אַראַ־בער. מיט דער שבועה פון „אם אשכחך ירושלים״ האָט פישל אַ האָגל פון ביקסן קוילן געעפנט, און ניט געלאָזן דעם פון די עפענדיס אָנ־געשיקטן און אָנגערייצטן צעבושעוועטן שונא דאָס גן־עדנשע תל־אביב אומצוברענגען און פאַרניכטן.

ווען די באַראָן ראָטשילדיקע „פתח תקוה״ איז באַפאַלן געוואָרן פון אירע שכנים, פון די אַראַבער, איז אויך פישל געווען פון די ערשטע, צו קעמפן קעגן שונא.

און געגאַנגען איז פישל אין שלאַכט מיט אַ שמחה... ערשט נאָכדעם, ווען „פתח תקוה״ האָט פאַר דעם אָפענעם קבר פון די געפאַלענע חלוצים די שבועה געגעבן: ניט צו נעמען מער צו דער אַרבעט אירע שכנים די פּאָגראָמשטשיקעס — האָט זיך פישל מיט זיינע חברים אין „תל־אביב״ אומגעקערט און נאָך אין דעם זעלבן אָוונט איז ער אין ירושלים אַוועקגעפאָרן.

אויף מאָרגן אין דער פרי נעבן „שער יפו״ האָט איר געטראָפן פישלען צוריק ביי זיין פּאָסטן, אַזוי ווי אַלע טאָג באַגריסנדיק איך מיטן פריידלאַכן שלום.

און ביז היינטיקן טאָג איז פישל אין דער „משטרה" אויף דעם זעלבן פּאָסטן נעבן שער יפו. ניטאָ קיין קינד אין ירושלים וועלכער זאָל ניט קענען פישלען.

אַלע קענען אים און אַלע ליבן אים. אפילו די אַראַבער וואָס ביי זיי איז פישל פאַררעכנט אַלס אַ ניט באַזיגטער העלד, ליבן אים אויך שטאַרק. זיי ווייסן אַז וואָס פישל וויל איז גערעכטיקייט, און פאַר גערעכטיקייט איז ער תמיד גרייט אין קאַמף זיך צו וואַרפן.

ניט איין מאָל האָט מען פישלען פאָרגעלייגט צו ווערן אַ חבר אין איינער פון די אַרבעטער קבוצות — ער האָט דאָס אָבער צוריקגעוויזן. וואָס הייסט ? — האָט ער געזאָגט — צו ליגן אין דער פרעמדער קאַלטער רוסלאַנד אין די אָקאָפּעס איז געווען רעכט, און ביי זיך אין דער וואַרעמער היים ניט ? ניין, אַ פּאָליסמאַן וועט זיין פישל, אַ פּאָליסמאַן.

שמחה

אין דעם צעטל פון די אויפגעקומענע מלחמה גבירים, האָט אויך שמחה אַ בכבודיקן פּלאַץ פאַרנומען. שמחה, וועלכער איז צוויי יאָר פאַר דער מלחמה א פריקאַזטשיק געווען, אין א גרויסן סקלאַד אין לאָדז, האָט שוין אַן אייגענע זאָקן פאַבריק געהאַט, ווען די דייטשן האָבן פּוילן אָקופּירט.

ביי וועמען די פאַבריקן זיינען געשטאַנען פאַר דעם דייטש, און ווער עס האָט אויפגעגעסן געלט — נאָר שמחה האָט געוואַקסן. די זאָקן מאַשינקעס האָבן זיך געקלאַפּט טאָג און נאַכט, און די פּרייזן זיינען געשטיגן פון מינוט צו מינוט.

שמחה האָט גאָרניט געשפּירט דעם הונגער, וועלכער האָט גע־דריקט און געפּייניקט זיינע שכנים, זיינע פריינט.

ווענענס קינדער עס זיינען געווען זשעדנע אַ שטיקל שוואַרצן קאָרענעם ברויט, אָבער זיינע מיידעלאַך פלעגן אַרומלויפן איבערן גאַס מיט גראָבע פּענעצער וויס ברויט אָנגעשמירט מיט פּוטער.

ווער עס האָט געפּאַרבט דיקע קאַרטאָפל־זעק, און אַ שבתדיקן מלבוש זיך געמאַכט צו גיין אין שול אריין, און שמחה איז געגאַנגען אויסגעפּוצט ווי אַ גראַף, גאָר ווי אין די גוטע צייטן, ווי פאַר ני־קאָלאַיען.

ווער עס האָט געברענט אין די ווינטערדיקע אָוונטן אַ קליינעם קורניקל, וועלכער האָט פאַררויכערט די ווענט און די נשמה, אָבער שמחה האָט פאַרבראַכט פאַר אַ ליכטיקן פערציקער לאָמפּ, וועלכער האָט באַלד אַ האַלב געסל באַלויכטן. און אַז איך האָב דערהערט איינמאָל אַ שבת פאַרנאַכט אין „בית־מדרש", אַז שמחה פאַרקויפט זיין פאַבריק, און פאָרט מיט זיין פאַמיליע קיין ארץ־ישראל, האָב איך ניט נאָר ניט געגלויבט, נאָר פּשוט אויסגעבטלט אַלע חלומות צו זייערע קעפּ.

שמחה, וועלכער מאַכט טויזנטער, וועלכער באַוואוינט אַ הויז — אַ פּאַלאַץ, וועט אַוועקוואַרפן פליישׁ, און פאָרן זוכן ברויט? אַט רעדט נישט קיין נאַרישקייטן! אויב אַזעלכע מענטשן ווי שמחה וועלן זיך דערמאָנען אין ארץ־ישראל, דאַן זיינען מיר געהאָלפענע, האָב איך צו זיי געזאָגט.

היינט גיי וויים אַז אַט דער בורזשואַזער שמחה איז דער אמתער אידעאַליסט. דער אמתער רעאַלישער ציוניסט, וועלכער איז שטענדיק גרייט אויפגעבן זיין רייכן לעבן — אָבי צו העלפן בויען די אידישע היים. און נאָכדעם ווען אפילו די היימישע קריסטן האָבן שוין גערעדט וועגן שמחהס פאָרן אין פאַלעסטינע, האָב איך נאָך אַלץ ניט גע־גלויבט, ביז וואַנען איך האָב איינמאָל אַליין פון זיין מויל געהערט, אַז ער וועט גאָר אין גיכן אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל.

פון דאַן אָן בין איך ביי שמחהן אָן אָפטער אַריינגייער געוואָרן. פון דאַן אָן האָב איך געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן אַז שמחה זאָל רייכער ווערן פון מינוט צו מינוט.

איך בין זיך מודה ומתודה, אויב איך האָב ווען עס איז אַ מענטשן מקנא געווען — איז דאָס שמחה געווען. עפּעס האָב איך אויף שמחהן ווי אויף אַ גרויסן מענטשן געקוקט, ער פאָרט קיין ארץ־ישראל, קיין ירושלים, אין דעם לאַנד וואו אידן האָבן אַמאָל אַ מלוכה געפירט, אין דעם לאַנד, וואו אידן האָבן זייערע ליידנדע בענקונגען אין זייערע „תפילות" אריינגעגאָסן. און פאַר מיינע אויגן האָבן גע־נומען שוועבן הייליקע פּנימער פון אונזערע גרויסע נביאים, פון די מלכי בית דוד, פון די חשמונאים מיט „יהודה המכבי" בראש, אַזוי ווי איך וואָלט זיי געדענקט, אַזוי ווי איך וואָלט אין זייער תקופה געלעבט.

קוקנדיק אויף שמחהן, איז מיר „ישעיהו הנביא" פאַרבייגעלאָפן אין מיין געדאַנק, און ווי איך שטיי נעבן אים און הער זיין געטלאַכע נבואה, זיין עתידות, ווי דער „לא ישא גוי אל גוי חרב, ולא ילמדו עוד מלחמה", ווערט באַלד מקוים, האָט זיך מיר געדוכט. כ'ווייס ניט, אפשר בין איך אַ צו סענטימענטאַלער, אָדער בטבע אַ שוואַכער מענטש, נאָר בשעת מעשה, האָבן צוויי קיילעכדיקע טרערן פאַר־גלעזערט מיינע אויגן, און האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אראָפּקייק־

לען זיך אויף מיין שבתדיקן קוזעלנעם בגד, אָדער אויפן פלושענעם טישטוך וועלכער וועט נאָך אפשר ליגן ביי שמחהן אויפן טיש אין ירושלים, אָדער אויפן כרמל, וואו אליהו הנביא האָט דאָרט מיט גאָט פאַרבראַכט.

אמת, אַז שמחה האָט זיך זינט ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, אין גאַנצן איבערגעאַנדערשט; עפּעס איז פון אים די פריילאַכקייט פאַרשוואונדן, און אַזוי ווי אַ צעטראָגענער איז ער אַרומגעגאַנגען. אויך שרה, די פרוי זיינע, וועלכע איז ווייט געווען פון נאַציאָנאַלע פילונגען, און האָט זייער געגליכן דעם רייכן גרויס־שטאָטישן לעבן, איז כסדר אַן אָנגעבלאָזענע און אַ כעסדיקע אַרומ־געגאַנגען איבערן שטוב.

עס איז קענטיק געווען, אַז שמחה פירט אַ פאַרעקשנטע מלחמה מיט זיין ווייבל, און האָט פון דעם פיל צער און יסורים געהאַט.

נאָר געזיגט האָט שמחה. אמת, עס איז אים אָנגעקומען מיט ביטערן גאַל, פאַרזוכט דעם אמתן טעם פון „חבלי משיח", אָבער דאָך האָט זיך זיין אַריסטאָקראַטיש ווייבל אונטערגעגעבן. און שמחה האָט פּאַמעלאַך אָנגעהויבן ליקווידירן זיינע געשעפטן, און זיך גענומען גרייטן אין וועג.

עס האָט קיין גאַנצע דריי וואָכן ניט גענומען, און שמחה איז שוין אין וואַרשע מיט זיין פאַמילע געזעסן און געוואַרט אויף דער ענגלישער וויזע. און ווען שמחה וואָלט, חלילה, שפעקולירט מיט זיין סחורה און מעבל, ווי זיין ווייבל האָט געעצהט — וואָלט שמחה ניט נאָר קיינמאָל שוין ניט אָנגעקומען אין ארץ־ישראל, נאָר ער וואָלט באַדאַרפט אָנטאָן אַ טאָרבע און גיין בעטלען. ווייל אין צוויי מאָנאַטן שפּעטער זיינען שוין די באָלשעוויקעס געווען די באַלעבאַטים פון שטאָט.

געפאָרן איז שמחה צווייטן קלאַס מיט אַן איטאַליענישער שנעל שיף ביז אַלעקסאַנדריע, און פון דאָרט מיטן באַן דורך קאַנטאַרא און לוד, און פון לוד גלייך אין ירושלים. אַז שמחה איז געקומען אין ירושלים, האָט ער דעם ערשטן וויזיט געמאַכט ביים „כתל מערבי" און נאָכדעם זיך גענומען צו דער אַרבעט.

פאַרפאַרן איז שמחה מיט זיין פאַמיליע אין האָטעל וואַרשאַוו־סקי, נאָר אויף מאָרגן האָט ער אַ דירה געדונגען אין די בוכאַרער הייזער און איז שוין געווען כמעט ווי איינגעאָרדנט.

די צוויי מיידעלאַך האָט ער אַריינגעגעבן אין „תחכמוני״, און פאַר דער וויב האָט ער אַ העברעאישע לערערין גענומען.

שמחה אַליין איז הפנים אין די קינדערשע יאָרן געווען אַ גוטער חדר־אינגל, און האָט גלייך אָנגעפאַנגען פלאַפלען העברעאיש.

עס האָט קיין גאַנצע פיר וואָכן ניט גענומען, און שמחה האָט שוין אַ פאַבריקל געדונגען אין „נחלת שבעה״ און האָט זיך צו זיין זאַקן פאַבריק גענומען. אמת, די ערשטע צייט האָט שמחה געאַרבעט בסך הכל מיט נאָך פינף חלוצים, און קיין גליקן ניט געמאַכט, ווייל דאַן איז נאָך דער האַנדל געגאַנגען מיט דייטשלאַנד. נאָר גלייך ווי ארץ־ישראל האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן פיינע אַרבעט, אַזוי איז די „בהלה״ און יאַגעניש נאָך די דייטשע סחורות קלענער געוואָרן. שמחהס זאָקן האָבן גלייך געקראָגן אַן אָפּזאָץ אין לאַנד, און זיין פאַבריקל איז געוואַקסן מיט דער זעלבער הצלחה ווי אין גלות. עס האָט קיין גאַנצע צוויי יאָר ניט גענומען, און שמחה האָט שוין אַן אייגן הויז געקויפט אין „רחוב יפו״, און אין פאַבריקל האָבן זיך דריי טוץ מאַשינקעס געדרייט, וועלכע 15 חלוצים האָבן אויף זיי מענער און דאַמען זאָקן געאַרבעט זעקס טעג אין וואָך.

שמחהס בריוו צו זיינע פריינט און באַקאַנטע האָבן געקענט דינען פאַר דער בעסטער ציוניסטישער פראָפּאַגאַנדע.

שמחה האָט אין אַ אידישן העברעאיש דאָס וואונדער פון דער אידישער היים באַזונגען, און האָט אַלע זיינע פריינט געראָטן מיטן גלות זיך שיידן. וואו מ'איז געגאַנגען, האָט מען וועגן שמחהן גע־רעדט. שמחהס בריוו האָט מען אין „בית־מדרש״ געלייענט נאָך דעם רבס מנין, אין ציוניסטישן לאָקאַל, ביי די פועלי־ציון און אין דעם בונדישן לאָקאַל.

ביי אַלעמען פון אונזערע ציוניסטן האָט זיך דער „חשק״ צע־שפילט. און אַלע האָבן מיר גענומען ריידן וועגן זיך לאָזן אין וועג.

און דער ערשטער בין איך אַוועקגעפאָרן, אַלס אַ חלוץ, מיט אַ שלעפּ שיף, וועלכע שפּאַצירט איבערן „ים התיכון״ גאַנצע צוואַנציק טעג.

אַראָפּגייענדיק פון שיף בין איך גלייך אין ירושלים אַוועקגע־פאָרן. שמחה האָט מיר געשריבן אַז איך זאָל קומען גלייך צו אים.

אַז איך בין צוגעקומען צו שמחהס הויז, האָב איך זיין ווייבל אין גאָרטן געטראָפן. זי האָט אַרומגעקאָלכט די שטיינער אַרום די בלו־מען, וועלכע אירע מיידעלאַך האָבן פאַרפלאַנצט.

מיר זיינען אַ ווײַלע אין שטוב געזעסן, און גלייך איז שמחה פון פאַבריק געקומען. שמחה איז אויף מיין האַלז אַרויפגעפאַלן און מיר האָבן זיך האַרציק צעקושט. אַ שעה דריי מסתמא, זיינען מיר געזעסן און פאַרבראַכט, ביז וואַנען זיינע מיידלאַך זיינען פון „טיול" געקומען, דאָס זיינען זיי מיט די לערער פון פערטן קלאַס אין „קרית ענבים" געווען.

מיר האָבן צוזאַמען אוונט ברויט געגעסן, און נאָכהער אין גערטל אַרויסגעגאַנגען. נעמי, שמחהס עלטערע טאָכטער האָט די בלומען מיט לעבעדיקן וואַסער באַשפּריצט און אויף איר דינעם, זיסן קולכל צוגעזונגען: „פה בארץ חמדת אבות".

און אַז חדוה, שמחהס מיזינקעלע, איז ביי אים אויפן שויס אַנטשלאָפן געוואָרן, זיינען מיר אַלע שלאָפן אַוועקגעגאַנגען.

געלייגט מיך שלאָפן האָט שמחה אין אַ צימער וואו דורך דעם אָפענעם פענצטער האָבן מיר שטאַרקע בלומען ריחות פאַרשכורט און איך בין גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן.

לעאָן קאָגאַן

אַז איך האָב זיך באַקאַנט מיט לעאָנען איז ער שוין דריי פערטל דאָקטאָר געווען. נאָך צוויי יאָר האָט ער געהאַט צו לערנען.

לעאָן איז צו אונז פון דער גרויסער יעקאַטערינאָסלאַוו געקומען. פון די באָלשעוויקעס אַנטלאָפן. לעאָן דער סטודענט, וועלכער איז ווייט געווען פון דער מינדסטער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וועלכער איז אויפגעוואַקסן געוואָרן אין אַ פאַרביסענער אַסימילאַטאָרישער אַטמאָספערע, לעאָן, וועלכער איז ווייט געווען פון דער אידישער סטודענטן־געזעלשאַפט, — האָט ניט געקענט צוזען די גרויזאַמע דיקטאַטור פון די יונגע צעלאָזענע און אומוויסנדיקע אידישע קאָמוניסטלאַך, וועלכע רודפן דעם שול איד, דעם געלערנטן און דעם נאַציאָנאַליסט. לעאָן האָט זיין קאַריערע אויפגעגעבן, און צו אונז אין פוילן זיך אַריבערגעכאַפּט. ביי אונז אין שטעטעלע האָט לעאָן אַן אָרימען אָנקל געהאַט, וועמעס טאָכטער איז אין אונזער ציוניסטישער ביבליאָטעק די ביבליאָטעקערין געווען.

נאָך אין דעם זעלבן אָוונט, איז שוין לעאָן מיט זיין קוזינע ביי אונז אין לאָקאַל געווען. חברה האָבן דעם סטודענט פאַרוואָרפן מיט וואָסערדיקע סענטימענטאַלע פראַגן איבער די קאָמוניסטן און דעם באָלשעוויזם.

ווי אַלע האָב איך מיט לעאָנען פּאָלעמיזירט וועגן פאַרשיידענע פּאָליטישע פראַגן, ביז מיר האָבן זיך ביים „ציוניזם" אָפּגעשטעלט.

איך בין פּאָזיטיוו געווען מיט דער מיינונג: אויב לעאָן וועט ביי אונז אין שטעטל פאַרברענגען אַ לענגערע צייט, וועט לעאָן ניט נאָר אַ ציוניסט ווערן, נאָר אַ קעמפער, אַ חלוץ, פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג.

לעאָן האָט אין די ערשטע פאַר וואָכן געהאַלטן אין איין לייענען. וואו נאָר אַ בוך, אַ זשורנאַל, וועגן ארץ־ישראל, האָט לעאָן איבער־

געלייענט. עס האָט אים קיינער ניט אינטערעסירט. דער בוך איז זיין איין און איינציקער פריינט געווען.

ווען צו אונז אין שטעטל איז די ידיעה פון דער „סאַן־רעמאָ־רעזאָלוציע" דערטראָגן געוואָרן — איז צו לעאָנס שמחה קיין גרונט גאָר ניט געווען. ווי אַ ציוניסט, וועלכער אַרבעט שוין יאָרן לאַנג אין די ציוניסטישע רייען, האָט לעאָן התלהבותדיק יעדן איינעם באַגריסט. קינדער, — האָט ער געטענהט, — אַז איר ווייסט גאָרניט ווי גרויס די שמחה איז, וואָס פאַר אַ משיח דאָס איז פאַר אונז אידן. איך וואָלט איצט אין רוסלאַנד געוואָלט זיין. די נשמה־פאַרשקלאָפטע אידן זען, געוויס וועלן זיי די ידיעה מיט טרערן און תעניתים מקבל פנים זיין. קינדער, איר פילט דאָס ניט, איך זע נאָך אין אייך קיין שמחה ניט. איך זע אין אייך קיין ענדערונג ניט. לעאָן האָט דעם בוך אין אַ זייט אַוועקגעלייגט. ניט איצט איז די צייט צו חלומען, צו זוכן, ניט איצט איז די צייט דעם „ציוניזם" אין די פאַרשטויבטע ביכער צו זוכן, ניין! איצט איז אַ צייט פון פראַקטישער אַרבעט, פון רעאַליזם. איצט דאַרף מען זיך אין וועג גרייטן. מיר דאַרפן איצט דעם באָדן צוגרייטן. מיר דאַרפן זיין פון די ערשטע פיאָנערן. מיר דאַרפן די חורבות אויפשטעלן. מיר דאַרפן צוריק די מדבר־דיקע ארץ־ישראל אין אַ גן־עדן פאַרוואַנדלען. לאָמיר גיין!

זיכער בין איך געווען ווי דער טאָג, אַז פון די ערשטע „חלוצים", וועלכע וועלן זיך לאָזן אין וועג בויען אונזער היימלאַנד — וועט זיין לעאָן.

און מיין נבואה איז אַ ריכטיקע געווען.

לעאָן האָט זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די שכנות־דיקע שטעט און שטעטלאַך, און גערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע ציוניסטישע לאָקאַלע קרעפטן.

איך ווייס ניט וואו האָט זיך דאָס גענומען אין דעם מענטשן אַזאַ טעמפּאָ, אַזאַ טיפער איינגעקריצטער אידעאַליזם, אַזאַ אני מאמינ־דיקער נאַציאָנאַליזם.

אַ פריילאַכער, אַ באַגייסטערטער איז לעאָן פון דער קאָנפערענץ צוריקגעקומען. אויף מאָרגן האָט לעאָן אַ מאַסן־מיטינג אין דער

גרויסער שול געראפן, און פאַרן גאַנצן עולם דערקלערט די וויכ־טיקייט פון דער שעה, אין וועלכער די אידן געפינען זיך איצט.

אַ „כל נדרי״ שטימונג האָט געהערשט אין שול. אַלע זיינען גרייט געווען צו אָפּפערן מיט די הייליקסטע קרבנות. לעאָן האָט אין אַ פאַרשטענדלאַכן, קלינגענדיקן רוסיש, די יוגנט גערופן צו איינשליסן זיך אין דעם החלוץ, אין דעם אַוואַנגאַרד, וועלכער וועט דאַרפן די ערשטע קרבנות געבן פאַר דעם פאָטערלאַנד. און אין דעם קליינעם שטעטעלע איז אַ החלוץ אָרגאַניזאַציע געבאָרן געוואָרן, וועלכע האָט פערציק חברים געציילט.

לעאָן האָט ניט געוואָלט וואַרטן אויף זיינע חברים, די חלוצים, און האָט זיך אין וועג געלאָזן.

צווישן דעם ערשטן טראַנספּאָרט חלוצים, וועלכע זיינען אין ארץ־ישראל געקומען — איז לעאָן געווען.

לעאָן איז ניט געלאָפן אין די משרדים נאָך אַ גרינגן און פעטן אַמט. לעאָן איז ניט געגאַנגען אין הדסה, וואו ער וואָלט זיכער אַ בכבודיקן פּלאַץ פאַרנומען. ניין, חלילה! לעאָן האָט געפילט די חרפּה פון דער נאַקעטער מוטער־ערד, און ער איז אין דער געזונט־סטער ריכטונג אַוועקגעגאַנגען.

דאָרטן אין „שומרון״, ביי די רוישיקע וואַסער־כוואַליעס פון דעם ים התיכון, אין דער אַלטער וואונדערבאַרער היסטאָרישער קסריה, האָט לעאָן זיין „מקום מנוחה״ געפונען.

דאָרט, אין קיסריה, האָט זיך לעאָן מיט אַ גאַנצער „קבוצה״ איבער די ווילדע וויסטע פעלדער צעשפּרייט און האָט טאַבאַק פאַר־פלאַנצט.

דאָרט, אין קיסריה, וואו פון הונדערטער, הונדערטער יאָרן, איז אין איר קיין איד ניט געווען, האָט לעאָן דער ערשטער, מיט שטאָלץ, זיין היים, זיין געצעלט, זיין לייוונטענעם „אהל״ געשטעלט.

און די מדברדיקע קיסריה, איז אַ פריילאַכער ישוב געוואָרן. לעאָן דער סטודענט, די ווייסע הענטעלאַך, וועלכע האָבן געמעקט און געשריבן, איז דער געוואונשענער עלעמענט פאַר ארץ־ישראל געוואָרן. לעאָן איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט זיינע דיפּ־לאָמען פאַר דעם אַקער און רידל אויסגעביטן.

און אַז איר קומט היינט אַריין אין קיסריה מיט די זרעניה פעלדער, און פּאָר אייערע אויגן הויבן זיך אָן וואָרפן לאַנגע, ברייטע, פיר־קאַנטיקע, גרינע טאַבאַק־פעלדער, גערטנער פאַרזייטע מיט אוגערקעס, ציבעלעס, בעבלאַך, רעטאַך און נאָך אַנדערע גרינסן, — האָבן דאָס אַלץ די סטודענטישע הענט באַשאַפן. און ביז היינטיקן טאָג איז לעאָן אין קיסריה. ביז היינטיקן טאָג, טרעפט איר לעאָנען אַרומ־בלאָנדזשענדיק איבער די טאַבאַק פעלדער, מיט דעם ביקס אויפן פלייצע אַריבערגעוואָרפן און זוכט.

און אַז לעאָן זוכט וועט ער זיכער געפינען.

לאהקע

ווער עס האָט ניט געזען, ווי די לאהקע האָט פון זיך געבלאָזן, ווי זי האָט דעם קאָפּ געהאַלטן פאַרריסן, ווען זי האָט געענדיקט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל די גראָדנער גימנאַזיע, ווייסט גאָרניט וואָס אַזוינס „גאוה״ מיינט צו זאָגן.

אַ אידיש וואָרט האָט איר פאָר קיין געלט פון איר מויל ניט געקענט הערן. אַרומגעגאַנגען איז זי שטענדיק מיטן גלחס שייגעץ, וועלכער האָט פיינט געהאַט אַ אידן נאָך ערגער פון זיין טאַטן. אפילו מיט לייזערן, וואָס האָט גערעדט אַ ליטעראַרישן רוסיש, און דערצו נאָך אַ שיינער „בחור״ געווען, האָט אויך לאהקען ניט אָנגעשטאַנען צו גיין.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן איר פאַר איר גרויסקייט, ווי אַ שפּין פיינט געהאַט, און מיר האָבן זיך גאָרניט אָנגעשטרענגט צו געווינען איר געזעלשאַפט.

אמת, לאהקע איז געווען אַן אויסערגעוויינלאָך שיינע רייצנדע מיידל, און איז דאַן אין גאַנצן ניינצן יאָר אַלט געווען.

אַז איר פלעגט זיך אַמאָל אַרויסכאַפּן אין אַ זומער פאַרנאַכט, שפּאַצירן לעם גלחס וועלדל, און טרעפן לאהקען מיטן גלחס שייגעץ אין די קאָרן, וואו מער ווי איר געלאָקטע קאָפּ האָר, און אירע צוויי שוואַרצע שלאַנגישע אויגן, האָבן זיך ניט געזען, און פלעגט זיך נאָך צעזינגען אויף איר זיסן אַלטאָווען קולכל — האָט אייך באמת דאָס האַרץ ווי געטאָן, וואָס אַזאַ שיינע בלום ווערט פאַרפּרעמדט, פאַרוויאַלעט, אין די הענט פון אַן אַנטיסעמיטישן שייגעץ.

און ווער ווייסט מיט וואָס עס וואָלט זיך ביי זיי ביידן געענדיקט, ווען ניט די דייטשן. ווי נאָר די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע, איז דער גלח מיט זיין פאַמיליע אין רוסלאַנד אַוועקגעפאָרן, און לאהקע איז פון קרענקונג אַ לאַנגע צייט פון שטוב ניט אַרויס. זעלטן,

זעלטן, ווען איר פלעגט איר טרעפן שטייענדיק אין פענצטער אַ פאַרחלומטע, אַ פאַרטראַכטע.

מיר, וועלכע האָבן געטראָגן אויף איר אַן אַנגעלאָדענע הארץ, האָבן אין איר געזען אַ נקמה, און זיך לעם איר הויז אודאי אַמאָל הונדערט איבערגעדרייט אַן אָוונט. ערשט נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן די שטאָט פאַרנומען, און דער עולם האָט זיך געדאַרפט גיין רעגיסטרירן, איז לאהקע דעם ערשטן מאָל אין גאַס אַרויס, און מיט אונז אַלעמען אין מאַגיסטראַט זיך געטראָפן.

דעם מאָל האָט אונז לאהקע מיט אַ שמייכל באַגעגענט, וועלכער האָט זיך געלאָזט פאַרשטיין: אַט פאַרגעסט וואָס עס איז געווען, און לאָמיר זיין חברים...

צו שיין איז לאהקע געווען אַז מיר זאָלן ניט פאַרגעסן איר האַנדלונג צו אונז — און אויף מאָרגן איז שוין לאהקע אין אונזער געזעלשאַפט געווען.

אמת, אַז מיר זיינען מיט לאהקען אין דעם „צעירי ציוניסטישן לאָקאַל" אַריינגעקומען, האָבן זיך אין איר אַלע קאָלירן געביטן; זי האָט קיין וואָרט זיך ניט געפונען, אַלע האָבן אויף איר בליקן געוואָרפן, און זיך געשושקעט אין דער שטיל. מיר האָבן זיך ווי עס איז אין פרעזידיום צימער אַריינגעכאַפּט, און זיך מיטן לעקטאָר באַקענט, וועלכער האָט באַדאַרפט רעפערירן איבער דער טעמע: „גלות און ארץ־ישראל".

נו, וואָלט איר ניט באַרעשט געוואָרן הערנדיק, אַז די לאהקע וועלכע איז דעם ערשטן מאָל אין לאָקאָל, און הערט אפשר די ערשטע אידישע לעקציע, זאָל די ערשטע עפענען אַ דעבאַטע איבער אַט דער קאָמפּליצירטער נאַציאָנאַלער פראַגע?

שטעלט אייך פאָר, אַז די לאהקע, וועלכע איז אַקאָרשט פון גימנאַזיע געקומען, וועלכע האָט אפשר קיינמאָל „ארץ־ישראל" אויף אירע געדאַנקען ניט אַרויפגעבראַכט, גרייפט אַזוי שטאַרק און באַ־וואוסטזיניק אַן דעם לעקטאָר, פאַר זיין מיינונג: אַז די אידן אין גלות דאַרפן פריער לעזען די גלות־פראַגע, און נאָכהער די ארץ־ישראל פראַגע.

נייך, זאָגט זי: מיר אידן, כל זמן מיר וועלן ניט האָבן קיין

פירנדע קראַפט אין פּאַלעסטינע, כל זמן מיר וועלן אַרויסווייזן אַ פּאַסיוויטעט צו פּאַלעסטינע, דאַן ווערט אונזער לאַגע אין גלות פיל ערגער און רעאַקציאָנערער.

פּאַרקערט: אַ פאַרגרינגערונג אין גלות קען קומען נאָר דורך אַן עגאָאיסטישער אַרבעט פאַר פּאַלעסטינע, דורך אַן עגאָאיסטישער פּראָקלאַמירונג פון אַ אידישער היים אין פּאַלעסטינע.

איך זאָג אייך, אַז ניט נאָר דער לעקטאָר איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, מיר אַלע האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַזעלכע געדאַנקען זאָלן ווערן אַרויסגערעדט פון לאהקען, וועלכע איז ביי אונז אַלעמען שוין פאַר אַ פרעמדער פאַררעכנט געוואָרן.

לאהקע האָט זיך שוין מער ניט פאַרלאָרן אין צעירי ציוניסטישן לאָקאַל. ווי צו זיך אין שטוב פלעגט זי זיך שוין דאָרט אַריינכאַפּן. לאהקע האָט זיך מער פרעמד ניט געפילט, און איז פון די אָפטע באַזוכערינס געוואָרן אין לאָקאַל.

און מיר אַלע האָבן געוויס פאַרגעסן אַן דאָס פאַרגאַנגענע. מיר האָבן שוין בעסער געטראַכט וועגן דער צוקונפט, ווי אַזוי ציט מען צו לאהקען צו דער אַרבעט, צו דער קולטורעלער אַרבעט פון אונזערע יוגנט-גרופּן, וועלכע זיינען אַזוי ווייט פון נאַציאָנאַלע פראַגן.

און זייער גרינג איז אונז אָנגעקומען צו קריגן לאהקען.

ווי נאָר לאהקע האָט זיך דערוואוסט פון אונזערע יוגנט-גרופּעס, אַזוי איז זי גלייך געקומען צו אונז און פאַרגעשלאָגן איר פרייוויליקע אַרבעט. און מיט דעם דערפאָלג פון לאהקעס לעקציעס, איז דער וואוקס פון די באַזוכער געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

אפילו מיר, עלטערע, האָבן קיינמאָל ניט אויסגעמיטן צו קומען. אויך מיר האָבן פיל געלערנט פון אירע טיפע נאַציאָנאַלע באַטראַכטונגען.

און פון וואַנען עס האָט זיך צו איר גענומען אַזאַ ליידנשאַפטלאַכע נאַציאָנאַלע נשמה, אַזעלכע אינסטינקטיווע בענקונגען צו פּאַלעסטינע, האָבן מיר פאַר קיין פאַל ניט געקענט פאַרשטיין.

מיר זיינען אַלע געווען אַבסאָלוט זיכער, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט לאהקע אין פּאַלעסטינע אַוועקפאָרן, כאָטש זי האָט דאָס קיינמאָל פאַר אונז ניט געזאָגט.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

ווי נאָר די החלוץ־באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט פּוילן, אַזוי גלייך האָט לאהקע פאַרלאָזן אירע עלטערן, איר רייכע היים, און איז קיין ארץ־ישראל אַוועקגעפאָרן.

צווישן די פאַרהאַלטענע חלוצים אין ווין, וועלכע האָבן ניט געקענט פאָרן צוליב דעם ערשטן מאַי פּאָגראָם אין יפו, איז אויך לאהקע געווען. פינף מאָנאַטן האָט זיך די רייכע בת־יחידקע געוואַלגערט אין דער גרויסער בית־החלוץ קאַזאַרמע, און געשלאָפן זאַלבע־צוואַנציק אין איין צימער.

פינף מאָנאַטן האָט לאהקע מלחמה געהאַלטן מיט אירע עלטערן, וועלכע האָבן איר געריסן צוריק אַהיים אין פּוילן, וואו זיי האָבן איר גאָלדענע בערג פאַרזיכערט, און האָט ווי אַ גבור די שלאַכט געוואונען.

ניין, האָט זי געענטפערט: ארץ־ישראל איז קיינמאָל אידן גרינג ניט אָנגעקומען. אידן האָבן פערציק יאָר אין „מדבר" געוואַנ־דערט, ביז זיי זיינען אין ארץ־ישראל אַריינגעקומען.

איך בין ניט די איין און איינציקע, מיט מיר וואַרטן נאָך 800 מענטשן.

און אַז לאהקע האָט פון שיפל אַרויסגעשטייגט, וועלכע די אַראַבער האָבן איר פון דער שיף ביזן ברעג פון יפו צוגעפירט, האָט איר דער ערשטער יורה רעגן באַגעגנט.

אויפן דריטן טאָג איז שוין לאהקע אין „גדוד" געווען, און אין אַ לייוונטענעם „אהל" געשלאָפן דאָרטן אין כנרת, ביי דעם חצר פון דער „קבוצת כנרת". לאהקע, וועמעס דיפלאָם עס האָט געהאַנ־גען אין איר רייכן שלאָף־צימער אין פּוילן, וועלכע האָט געחלומט וועגן דאָקטאָריע, און שטאָלצירט מיט איר גאָלדענעם מעדאַל, האָט אויפן פערטן טאָג אין אירע ווייסע הענטלאַך אַ שווערן האַמער גע־טראָגן, וועלכער געוואָרט האָבן אויף אים די שטיינער, וועלכע דאַרפן צעשמעטערט ווערן פאַר דעם כביש, וועלכער האָט זיך געבויט צווישן „סמך און טבריה".

אמת, די ערשטע צייט איז לאהקע אַרומגעגאַנגען מיט צעוואונ־דעטע הענט פון די מאַזאָליעס, וועלכע דער האַמער האָט איר אָנגע־ריבן. נאָר היינט איז לאהקע די אמתע גדודניצע, דער אמתער

געזונטער ראַדיקאַלער טיפּ פון החלוץ, פון דעם געוואונטשנסטן עלע־מענט, אין וועלכן די לאַנד נויטיקט זיך אַזוי פיל.

ביי לאהקען שפילט היינט קיין ראַליע ניט צו פאַרוואַרפן אַ ביקס אויפן פלייצע, אַרויפכאַפּן זיך אויף א גוטן פערדל און אַ שמיץ טאָן גאַלאָפּ קיין טבריה און ברענגען פאַר די חברה צייטונגען מיט בריוו פון דער אַלטער גלות היים.

ביי לאהקען איז אויך פון די קליינע זאַכן צו אַריינוואַרפן אַ פּאָר געזונטע פּרדות אין סאַכע אַריין, און אַ מאַך טאָן אַ פּאָר דונאַם פלחה. און ביז היינטיקן טאָג איז לאהקע אין „גדוד" אין איינע פון די קבוצות אין „עמק יזרעאל", און נעמט דעם אַקטיווסטן אַנטייל אין דער אויפבויאונג פון דער אידישער היים.

היינט איז לאהקע אַ גענעראַל איבער אַ מחנה אויסגעהאַדעוועטע עופות, און אַ מעלקערין פון אַ האַלבן צענדליק פעטע האַלענדישע קי.

און ביי לאהקען אין זויבערן אויפגעראַמטן אהל הענגט איצט איבערן בעטל די בילדער פון ברענער און טרומפּעלדאָר, וועלכע וואָלט זיי איצט פאַר קיינע פּאַפּירענע גימנאַזיע דיפּלאָמען און פאַר קיינע גאָלדענע מעדאַלן אויסגעביטן.

צווי פעטערס

צוויי פעטערס האָב איך געהאַט מיט זייער מיאוסע צונעמענישן: איינעם האָט מען גערופן קרח און דעם צווייטן בלק. פעטערס האָב איך אפשר געהאַט מער פון צען, אונזער פאַמיליע איז געווען אַ גרויסע, אָן עין הרע, נאָר ליב געהאַט האָב איך נאָר מיינע צוויי פעטערס: קרח און בלק, און טאַקע צוליב זייערע נעמען. פאַרוואָס מען האָט גערופן מיין פעטער זעליקן קרח, האָב איך לכל הפּחות פאַרשטאַנען, עס האָט זיך געלייגט אויף דעם שכל הישר. מיין פעטער זעליק, איז געווען אַ איד אַ שלעכטער, ער זאָל מיר מוחל זיין, רייך איז ער געווען טאַקע ווי קרח און האָט אַ אידן קיינמאָל אַ גמילות חסד ניט געטאָן. אַ משולח אָדער אַ מגיד, האָט קיינמאָל זיין שוועל ניט איבער־געטראָטן. ער האָט אויף זיין לעבן אַ אידן אַ מאָלצייט ניט געגעבן. מיט אַלעמען זיך געקריגט און געריסן. דעם רב דעם לעבן פאַרבי־טערט און דעם שוחט כלערליי צרות אָנגעטאָן. ערב יום־כפּור צו מנחה, ווען אַלע אידן, דער אָרעמסטער אפילו, גייט ניט אַוועק פון שול, וואו ער האָט עפּעס ניט איבערגעלאָזן אין די קערות, און זעליק, גאָרניט, אפילו אַ פּרוטה אַ צעבראָכענע ניט געגעבן. מיט מיר ווידער איז געווען גראָד קאַפּויר: מיט מיר איז דער פעטער קרח געווען אָן אמתער גוטער ברודער, כמעט דער בעסטער פון אַלע מיינע פעטערס. איז געקומען חנוכה, איז דער פעטער קרח געווען דער ערשטער מיר צו געבן חנוכה געלט און ניט אָפּגעפּטרט מיט אַ זעק־סער אָדער אַ גלאָטן צענער, ווי מיינע איבעריקע פעטערס. ניין, דער פעטער קרח האָט מיר נאָך קיינמאָל ניט געגעבן ווייניקער ווי אַ זילבערנעם גילדן חנוכה געלט און ניט געלאָזן מיך וואַרטן ביז דער לעצטער ליכטל. צו דער ערשטער ליכטל האָב איך שטענדיק געהאַט דעם פעטער קרחס חנוכה געלט ביי זיך אין קעשענע. איז געקומען פסח, האָט מיר דער פעטער קרח געגעבן פולע קעשענעס מיט ניס און אַז איך פלעג זיך אַמאָל אַריינכאַפּן אַ שבת־צו־נאַכט

נאָך הבדלה,ביים פעטער קרח אין שטוב, פלעג איך מיט ליידיקן ניט אַרויס. מיר איז ווינציק וואָס אָנגעגאַנגען וואָס פאַר דער גאַנצער וועלט איז מיין פעטער זעליק געווען קרח, פאַר מיר איז ער געווען דער בעסטער פון מיינע אַלע פעטערס.

נאָר פאַרוואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן דעם פעטער מרדכי, בלק, בין איך זיך מודה ומתודה, אַז איך ווייס נאָך עד היום ניט.

די מאַמע האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז דער פעטער מרדכי איז אַ נאָמען נאָך דעם אַלטן רב ר׳ מרדכילע, וואָס איז געשטאָרבן שבת תשובה אין שול אין מיטן דער דרשה. נאָר מער ווי די מומע כיענע, די ווייב זיינע, און דער שמש ביים אויפרופן אים צו דער תורה, האָט אים קיינער ניט גערופן מרדכי. געווען מענטשן וואָס האָבן אפילו ניט געוואוסט זיין אמתן נאָמען. און פאַרוואָס מיין פעטער מרדכי האָט זיך אַזוי פאַרזינדיקט, קען איך פאַר קיין פאַל ניט אויסגעפינען.

אַזוי ווי דער פעטער זעליק איז געווען אַ איד אַ קמצן, אַ ניט פאַרגינער, אַ באַריידער און אַ מחלוקהניק, אַזוי איז דער פעטער מרדכי געווען אַ גוט־האַרציקער, אַ מיושבדיקער און אַ רודף־שלומניק.

דער פעטער מרדכי איז געשטאַנען אויפן מזרח ראשון דער צווייטער פון רב, גענומען אַלע שבת אַן אורח צום עסן און איז געווען דער גבאי פון בקור חולים. אין שטעטל האָט ער געהאַט אַ גרויסע דעה. האָט מען באַדאַרפט נעמען אַ חזן, האָט מען זיך גע־רעכנט מיט זיין מבינות. נו, וואָס זאָגט עפעס בלק אויפן חזן? האָט זיך געהאַנדלט וועגן העכערן דעם רב די שכירות, האָט מען זיך באַראַטן מיט בלקן. אויף דער מומע כיענען ווידער האָט מען אויך קיינע רשעות, חלילה, ניט געזען. פאַרקערט, זי איז געווען אַ טייערע נשמה, געהאַט די אמתע אידישע לב טוב. וואו אַן אָרעמע געווינערין איז כיענע געווען די ערשטע צו ברענגען פון כל טוב. ווינטער פלעגט זי זיצן גאַנצע אָוונטן און שטריקן זאָקן פאַר אָרעמע תלמוד־תורה קינדער.

דער פעטער זעליק האָט ווי, דער אמת איז, זיך ווינציק וואָס גענומען צום האַרצן וואָס מען רופט אים קרח. פאַרקערט, אַז אי־מיצער פלעגט זיך אַמאָל פאַרטשעפּן מיט אים, פלעגט ער זיך צע־

קאָכן און צעשרייען אויפֿן קול: אַז דו פֿאַנגסט זיך אָן מיט קורחן וועסטו האָבן אַ פֿינצטערן סוף. און דער עולם האָט טאַקע מורא געהאַט פֿאַר אים. ווייל אַלע האָבן געוואוסט, אַז ביי קרחן אין קיין קונצן ניטאָ, ער קען פֿאַרקאַשערן די אַרבל און פֿאַרפֿאַרן אין באַק אַריין, אַז מען זאָל עס האָבן צו געדענקען. אינגלוויז, אַז די חדר־קינדער פֿלעגן מיך אַמאָל רופֿן קרח, פֿלעג איך וויינען און אָפּגעבן אַלע ביינערנע קנעפּ, די טאַנבאַקעס, אַבי מען זאָל מיך ניט רופֿן קרח. נאָר היינט אַרט עס מיך ווי פֿאַר־אַ־יאָריקן שניי.

די מומע כּיענע טענהט נאָך ביז היינטיקן טאָג, אַז ווען ניט דער חשבדיקער צונעמעניש, וואָלנט שפּרינצע זייערע ניט פֿאַרזעסן געוואָרן. וואָרים וויפֿיל שדוכים מען האָט איר גערעדט, זיינען אַלע בטל געוואָרן, נאָר צוליב דעם נאָמען. וואָרים אויף שפּרינצען איז ניט געווען וואָס אויסצוזעצן. זי איז געווען אַ קלוגע און באַחנטע מיידל. און דער פֿעטער מרדכי אַליין, ער האָט געמעגט זיין מער העלד ווי ער איז און מער פֿריילאָכער. ביי אים איז ברוך השם געווען אַ הויז פֿון חלב און פֿון דבש. ער האָט זיך אָבער גענומען צום האַרצן פֿאַרוואָס מען רופֿט אים בלק. צום ערגסטן פֿלעגט זיך דער פֿעטער מרדכי פֿילן דעם שבת ווען מען פֿלעגט לייענען אין שול די סדרה בלק. יענעם שבת פֿלעג איך אַרויסגיין דער ערשטער פֿון שול. איך האָב זיך ניט געוואָלט טרעפֿן מיט אים און זאָגן אים: גוט שבת! זעט איר, דער פֿעטער זעליק פֿלעגט אויף להכעיס אַלעמען, פּרשה קרח קויפֿן אָן עליה און מיך נעמען פֿאַר אַ האַנט צו זיך אין שטוב אַריין און מיר געבן אַ טעלער קאַלטן צימעס מיט אַ שטיק שוואַרצן לעקאַך. דער פֿעטער מרדכי האָט שוין ווי דער אמת איז, געהאַט געפּלאַנט צו פֿאַרקויפֿן די הויז מיט דער לאַנקע און אַרויספֿאָרן ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט, וואו קיינער קען אים ניט, און אויס בלק. האָט ער אָבער ניט געוואָלט איבערלאָזן אויף הפֿקר דעם בקור חולים. נו, קען מען פֿיינט האָבן אַזאַ פֿעטער ווי מרדכי איז, און אַז צוואַנציק מאָל בלק? יע, מער ווי די צוויי פֿעטערס מיינע, קרח און בלק, האָב איך טאַקע ניט ליב געהאַט.

דער דיכטער

מאָטל, דער יונגער פלאָם פייערדיקער פראָלעטאַרישער דיכטער און סקיצן שרייבער, וועלכער קומט טאָג איין און טאָג אויס מיט גאַנצע פעק שריפטן, מיט אַט אַזעלכע אָנגעשריבענע מגלות אין די ליטעראַרישע קרייזן, אין די זשורנאַליסטישע קיבעצאַרניעס און אין די רעדאַקציעס, און האָט טענות צו די שרייבער, צו די קאָלעגן, פאַר־וואָס זיי טוען גאָרניט פאַר דער אַנטוויקלונג פון די יונגע שרייבער, און פאַרוואָס זיי ווענדן זיך ניט צו די אידישע ראַדיקאַל־פּראָגרעסיווע קרייזן, צו זאַמלען אַ פאָנד, וועלכער זאָל דערמעגלאָכן די דערשיינונג פון די ווערק פון די יונגע שריפטשטעלער, וועלכע קומען מיט נייע טענדענצן און מיט אַ פריש־צאַפּלדיק וואָרט, — האָט שוין צו ביס־לאַך געהאָט צוגעהונגערט און היפש נשמהדיק צוגעליטן. און ווען ניט זיין אָרעמער אַלטער פעטער, פיני, דער שמש, וועלכער האָט אים אַוועקגעשענקט אַן אייזערנע בעטל מיט א האַרטן אויסגעלעגענעם מאַטראַץ אין דעם ענגן פאַרשטיקטן אָן לופטיקן צימער, אויף דעם פערטן עטאַזש אין דער מאָנטגאָמערי גאַס, וואָלט שוין דער יונ־גער, שטאָלצער, שוואַרץ־חנעוודיקער רעוואָלוציאָנערער דיכטער גע־דאַרפט אויסבעטן אַ יעזואיטישן געלעגער אין איינעם פון די גאָטס־פאַרכטיקע האָטעלן פון דער פינצטערער סעלאַוויישאַן אַרמי.

מאָטל, וועלכער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז דער אידישער אַרבעטער, דער האָרעפּאַשניק, וואָלט זיך געקוויקט מיט זיין וואָרט, מיט זיין קוועקזילבערשן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס און וואָלט זיך אַליין געפונען אין זיינע רעאַליסטישע, לעבעדיקע עפּיזאָדן, ווי: צוועלף מיליאָן הונגעריקע, געלט זעק, דער מאַשין מענטש, פּאַראַזיטן, דער הונגער מאַרש, א. אַ. וו. — איז געוועזן אויפגעבראַכט, אויף דער זאַטער היפּאָקריטישער זשורנאַליסטישער משפחה און אויף די רע־דאַקטאָרן, וועלכע האָבן מיט אַזוי פיל „בטול“, ציניק און דערנידערונג

אים צוריקגעוואָרפן זיינע לידער און סקיצן, מורמלנדיק שפּאָטיש, אַז די רעדאַקציע באַדויערט וואָס זי קען זיך ניט באַנוצן מיט דעם מאַטעריאַל, ווייל, ער, מאָטל, האָט געהאַט די „העזה" צו בעטלען אַ פינפערל אויף צוצוהונגערן.

מאָטל פלעגט זיך אפילו צעוואָרעמען: סטייטש, פאַרוואָס האָט די רעדאַקציע זיך באַנוצט מיט מיין מאַטעריאַל אין די זאַטע יאָרן, ווען איך האָב געשקלאַפט ביים וועב שטול? דאַן, ווען איך האָב געטראָגן גאַנצע שיך, אַ לייטישן הלך, מיט אַ געפרעסטע ווייסע העמד און האָב ביי אייך קיין געלט ניט געבעטן, דאַן בין איך געווען אַ טאַלאַנט, אַ דיכטער, און מיינע סקיצן זיינען מיט צוויי טעג פאַר זייער דערשיינונג, מיט גרויסע אותיות אַנאָנסירט געוואָרן. און איצט, ווען די פאַבריק האָט מיך צוזאַמען מיט נאָך מיליאָנען מענטשן אויסגעשפּיגן און אַריינגעשליידערט אין דעם גרויסן „הפקר", ווען איך גיי אַרומגעריסן און אַרומגעשליסן, פאַרוואַקסן און פאַרלאָזן, בין איך שוין מער קיין טאַלאַנט ניט?

קיינער הערט אים אָבער ניט, אַ סאַך אַזעלכע אַרומגעריסענע טרעמפּס וואַלגערן זיך אויף דער באַוערי.

אמת, איניקע שרייבער, די מער אינטימערע, פלעגן אים רופן צו אַ גלעזל טיי און אַמאָל צו אַ בייס און אים כלומרשט דערמוטיקן: מאָטל, ניט געזאָרגט, דו וועסט נאָך פון אונז אַלעמען לאַכן. דו וועסט נאָך ווערן דער פּאָפּולערסטער דיכטער, דער דיכטער פון דער דעפּרעסיע, דער באַזינגער פון די הונגעריקע, פון די ליידנדע און פון די קעמפנדע. מאָטל האָט אָבער אַלעמען פיינט געקראָגן און ער האָט אויסגעמיטן זייער געזעלשאַפט און די צוגעוואָרפענע ברעקלאַך פון זייערע פרעסערישע טישן.

מאָטל האָט געגעבן אַ גרויסן שפּריז פאַראויס און ער האָט זיך מיט דער מאַסע באַגעגנט. מאָטלס פריינט זיינען געוואָרן די אַזוי גערופענע טרעמפּס פון דער בעטלערישער באַוערי, און אין אָט דער זנותדיקער, פאַרשכורטער, טרעמפּערישער אַטמאָספערע, האָט ער זיך פיל היימישער געפילט ווי אין דער זאַטער, אויסגעפרעסענער און אַנגעבלאָזענער ליטעראַרישער קיבעצאַרניע. דער דיכטערישער האָריזאָנט האָט זיך מיט יעדן טיפ־טרעמפּ, וואָס ער האָט זיך געשלום־

עליכמט, אַלץ אויסגעשפּרייט ווייטער, ברייטער און טיפער. דאָס שפּייען, דאָס כראָקען, דאָס שילטן און דער עפּוש פון די איינגעכראַ־נעוועטע דיפּרעסיע טרעמפּס, האָט נאָך באַרייכערט זיינע טיפן צו אַרויספירן זיי אין דער פולער נאַקעטקייט. זיין צאָרן, זיין נקמה און האַס, צו די רייכע, צו די אויסגעפּאַשעטע פּאַראַזיטן, וועלכע פאַר־טאָכלעווען פאַרמעגנס, דעראָבערט מיט דעם שוויס און בלוט פון דעם שקלאַפישן אַרבעטער, איז געווען רייפער, לעבעדיקער, שטור־מעשער און שטרייטענדער. אַרום געזעמל פון די אויסגעצערטע, אויסגעשפּיגענע, טרעמפּן־שקלאַפן האָט מאָטל די אמתע ליכט אין דעם לעבן דערזען און צו דעם ריכטיקן וועג זיך דערשלאָגן.

שטייענדיק מיט די טרעמפּס אין ברויט־ליין, מאַרשירנדיק מיט די הונגעריקע קיין וואַשינגטאָן, פילנדיק די וואונדן פון די פּאָליציי־אישע קלאָבס, האָט מאָטל אַ נייעם „בנין" גענומען בויען, אַ מער קעמפּפע־רישן ליד געזונגען און אַ שענערע צוקונפט געשמידט. חברה טרעמפּס האָבן אין מאָטלען אַ משיח געפונען, אַ פריינט געטראָפן, וועלכער האָט פאַר זיי אין די ענגע טרעמפּעשע פאַרעיפּושטע היימען דעם הונגער באַזונגען און אַרויסגערופן אין זיי דעם באַוואוסטזיין צו פאַרמשפטן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיי פאַר שכורים, פאַר טרעמפּס און פאַר בעטלערס געמאַכט. מאָטל איז זייער לערער געוואָרן, ער האָט זיי פאַר אויס טרעמפּס געמאַכט, דעם בעטלער געפיל פון זיי אויסגעוואָרצלט און פון זיי די גרויסע הונ־גער אַרמיי באַשאַפן. מאָטל האָט זיי מיט זייערע שונאים צוזאַמען געבראַכט, אויפגעדעקט פאַר זיי זייער אויסגעלאַסענעם וואַקכאַנאַלישן לעבן, און חברה האָבן אַ טרעמפּעשע „שבועה" געגעבן צו נעמען נקמה פאַר מאַכן זיי צו בעטלער און צו פאַרעפּושן זייער לעבן.

מאָטל האָט זיך אַזוי איינגעלעבט און איינגעבירגערט מיט זיי — אַז ער האָט באַלד דעם הונגער ניט געפילט. האָט אַ טרעמפּ אויסגעבעטלט אַ פּאַפּיראָס, אָדער אויפגעהויבן אַן אָראָפּגעוואָרפענעם אויסגערויכערטן ציגאַר, האָט מאָטל וועגן דעם גערעדט און געלערנט זיינע פריינט: ווער האָט געשקלאַפט פאַר אָט דעם טאַבאַק? ווער האָט געאַקערט דאָס לאַנד און געפּאַלן מיט דער סאָכע צו דער ערד אַן אויסגעמאַטערטער, וואו אָט דער טאַבאַק איז אויסגעוואַקסן? דער

אַרבעטער! און ווער בעטלט איצט אַ צי? דער אַרבעטער! ניט בעטלען דאַרפן מיר, האָט מאָטל געשטורמט, נאָר פאָדערן, אויס־קעמפן. האָט מען אַן אויסגעאַרבעטן, פון דער מאַשין צעטרייסלטן פאַבריק־שקלאַף, מיט זיין הונגעריקער פאַמיליע אין גאַס אַרויסגע־וואָרפן, פאַר ניט צאָלן קיין דירה־געלט, — האָט מאָטל פסיכאָלאָגיש, מיט זיין טיפן רעוואָלוציאָנערן חוש, „נקמה" אַרויסגערופן אין די ביז איצט פאַרשכורטע בעטלער־טעמפּס, צו די מענטשן־חיות, צו די פּאַראַזיטישע טייוואָלים. ווער האָט דעם לעבן פאַרלאָרן און געבלו־טעט פאַר אַט די ריזיקע היימען און פּאַלאַצן, וועלכע פאַרשטיקן אונז די לופט און פאַרשטעלן די ליכטיקע שיין? דער אַרבעטער! האָט געהילכט דער געזונטער קול פון די טרעמפּס. ווער איז פאַר־קריפּלט און פאַרעלטערט געוואָרן אַרום דער שקלאַפעריי פון אַט די קברים־הייזער, פון וועלכע מען טרייבט אַזוי גרויזאַם אַרויס פאַמי־ליעס פון אַרבעטסלאַזע, כוחותלאַזע, מאַשין־אַרבעטער? און ווער פינצטערט אָפּ און פאַרשפּילט דעם לעבן, אין די גיהנומשע קוילן־מינען, און אַז דער קאַלטער פראָסטיקער ווינטער קומט, ווער ווערט געשוואָלן פון קעלט? דער אַרבעטער! האָט געשטורמט איין קעמפנ־דער קול פון דער ביז איצטיקער פאַרעפּושטער מאַסע. און איר, יונגע פרויען, קינדער, פון אַרויסגעוואָרפענע שקלאַפן, ווייסט איר ווער עס האָט אייך צו פּראָסטיטוציע געבראַכט? ווער עס האָט מיט אייערע קערפּערס געהאַנדלט? דער קאַפּיטאַליזם, מיט זיין הונגער לוין, האָט אייך פאַרשאַנדעוועט.

אַט אַזוי האָט מאָטל געלערנט מיט זיינע העלדן, מיט די מיליאָנען הונגעריקע. און ווען מאָטל האָט געזונגען זיין ליד פון „הונגער און קאַמף", ווען מאָטל האָט געזונגען די ליד פון „אַרבעט און אַרבעטער קלאַס", האָט מיט אים מיטגעזונגען אַ מיליאָנען אַרמיי, וועלכע האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אַז ער האָט אַמאָל דעם „שונא" געשטאַרקט און אַז ער האָט אַמאָל מיט די זאַטע זיך געחברט. היינט וואָלט מאָטל צום שונא ניט געקומען, אפילו ווען מען פאַרזיכערט אים אַ פּרעסערישן טישל אין דער רייכסטער קאַבעריי אויף בראָדוויי. גיין צום שונא, מיינט צו ווערן אַ טרעמפּ, אַ שקלאַפן־טרייבער, אַ הענקער און אַ באַרבאַר. היינט איז מאָטל דער דיכטער פון „קאַמף

און לעבן", דער זינגער פון די ברייטע מיליאָנען קלאַסן באַוואוסט־זינקע אַרבעטער, וועלכע בויען אויף די חורבות פון דעם קאַפּיטאַ־ליסטישן צוזאַמענבררוך, אַ וועלט אָ יושרדיקע, אַ ליכטיקע און אָן אייביקע. היינט דאַרף מאַטל ניט קלאַפּן אין די טירן פון די געלט זעקעשע, פּיין שמעקערישע מעצענאַטן, תחנונימען פאַר זיי, אַז זיי זאָלן חלילה ניט פאַרזען די יונגע שרייבער און אַרויסגעבן זייערע ווערק. היינט האָט מאַטל אַ גאַנצע אַרמיי מיט מעצענאַטן, וועלכע כאַפּן אויף זיין ליד, זיין קלאַנג און רוף, און צעטראָגן עס אומעטום וואו נאָר עס שלאָגט און אָטעמט אַ קעמפערישער אַרבעטער לעבן.

ל י ד ע ר

פ ——— ו ——— ן

שמעון קרינסקי

אויס בעטלער

מעג מיין בנין זיין אַ חורבה
אָן אַ טראָפּן ליכט און שיין,
וועליך פילן ווי אַן עושר
אייביק גליקלאַך וועליך זיין.

איך וועל מער ניט קלאַפּן טירן,
זינגען לידער, הין און הער,
ליבער אויסגיין ווי א ליכטל,
ווי צו בעטלען ברעקלאַך מער.

מעג מיין בנין זיין א חורבה
אָן אַ דאַך און אָן אַ טיר,
איז מיין היים פאַר מיר א פּאַלאַץ,
און די זון א פריינט צו מיר.

ש. קרינסקי

באַזינג ניט דיכטער

באַזינג ניט דיכטער מער דעם הימל,
ווען א גיהנם איז די וועלט,
ווען מענטשן קוקן אויס ווי מתים,
און ווען נאָך אַלץ געוועלטיקט געלט.

ווען ברויט געוואָרן איז די תפלה,
פון מיליאָנען קינדער, מענטשן,
איז דאַן ניטאָ זיך וואָס צו גרויסן
מיט דער זון זיך וואָס צו בענטשן.

באַזינג ניט דיכטער מער די שטערן,
די אידיליע אַרום דעם טייך,
וואָס טויג דאָס שיינען פון דער לבנה
ווען טאָג און נאַכט איז פינצטער גלייך.

באַזינג ניט דיכטער מער דעם פרילינג,
ווען געפראָרן איז דאָס לעבן,
ווען גראָזן, בלומען, פעלדער, וועלדער,
קענען מער קיין ברויט ניט געבן.

מיין גאָרטן

אין מיין גאָרטן בליען בוימער,
בלומען, רויזן, אַלערליי,
איז די זון צו זיי אַ חבר,
שטראַלן וואַכן איבער זיי.

אין מיין גאָרטן, שימערט פּערל,
גראָזן טובלען זיך אין טוי,
שפּילן שטערן מיט זיי ליבעס
איבער זיי דער הימל בלוי.

אין מיין גאָרטן, שטיפן שאָטנס,
פויגל זינגען אין דער לופט,
אַלעס צויבערט דאָרט און כישופט
אַלעס טרוימט דאָרט און עס דופט.

ש. קרינסקי

אַ זומער נאַכט

עס דרעמלען אין וואַלד שוין די בוימער
די בלעטער זיי קילן זיך אָפּ,
די בלומען זיי ליגן פאַרטרונקען
אין טויען ביז איבערן קאָפּ.

דער הימל פאַר׳חלום׳ט, א בלויער,
די שטערן, זיי לויכטן מיט פראַכט,
די פעלדער פאַרדעקט מיט בריליאַנטן,
אין שימער עס צויבערט די נאַכט.

די לבנה אַ בלאַסע זי וואַנדערט
אין סודות געהילט איז די וועלט,
א ווינטל עס צערטלט די גראָזן
די שכינה, זי שמייכלט און קוועלט.

דער לעבן ווערט דאַן שיין

ווען די בוימער בליען,
צוגיסן זיך מיט דופט,
בלאָזן ווינטן ריחות
די יוגנט דאַן זי רופט.

ווען די פויגל זינגען,
צושפילן זיך מיט חן,
ווערן טויען פערל,
דער לעבן ווערט דאַן שיין.

ווען דער טייכל זילבערט,
דער פרילינג קומט מיט טריל,
זינגט די וועלט דאַן שירה,
טוט תפלה אין דער שטיל.

ש. קרינסקי

מיין תפלה

ווען די הימלען ווערן ברוגז,
אין די וואָלקנס ווערן שוואַרץ, —
רוט א שמייכל אויף מיין פּנים
און עס פרייט זיך דאָן מיין האַרץ.

ווען עס בלאָזן שטורם ווינטן
און עס דונערט, בליצט און גיסט, —
טו איך תפלה, דאָן אויף חורבן,
אַז די וועלט זאָל ווערן וויסט.

דער מאָרגן

דער היינט, ווי דער נעכטן,
אָן ליכט און אָן שיין.
דער מאָרגן וועט זיכער
נאָך פינסטערער זיין.

דער לעבן ער גוסס'ט,
מיט פלוך און מיט האַס,
די וועלט האָט פאַרמיאוסט,
דער גאָלדענער קלאַס.

דער היינט ווי דער נעכטן,
אָן קאַמף און אָן בלוט,
דער מאָרגן, די צוקונפט,
דעם קנויל און דעם רוט.

ש. קרינסקי

אַמאָל

איך האָב אַמאָל געזען אין שטראַלן:
לעבן, יוגנט, לוסט און פּראַכט,
און מיט דער לבנה, מיט די שטערן,
ווי מיט פריינט האָביך פאַרבראַכט.

עס האָט מיר דאָן גאָר ניט געקימערט,
וואָס דער מענטש אַזוי פיל ליידט,
ווען איינער שוועבט אין די עליונות —
איז די ערד פון אים דאָן ווייט.

דער איד

עס גייט דער איד, צעבראָכן מיד,
וואו נאָר איר וואַרפט אַן אויג אַ בליק,
ער פאָרט און פאָרט און האָט קיין אָרט,
פון לאַנד צו לאַנד, ער קומט צוריק.

וואו נאָר אַן עק, סכנה שרעק,
דער איד זיין פוס האָט שוין געשטעלט,
און ווי עס שיינט, פאַר אים ביז היינט,
פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן איז די וועלט.

ש. קרינסקי

אַ זומער רעגנדל

טראָפּנס פּערל, גלעטן, קושן
אויס דאָס פּנים וואו זיי פאַלן,
הימל אויבן האָט צעוויינט זיך,
גיסט מיט שימער, ליכט און שטראַלן.

שטערן־טרערן, זונען־שטראַלן,
שטיפן, טאַנצן אין דער לופטן,
פעלדער, וועלדער, בשמים, ריחות,
אַ גן עדן ווען זיי דופטן.

אַזוי קאַלט

עס לויפן אין וועג,
די יאָרן, די טעג,
זיי לאָזן דער וועלט גאָר ניט איבער;
די וועלט ווי געווען
קיין מענטשן געזען,
וואָס שיין איז פון לאַנג שוין אריבער.

די זון, די לבנה,
הימלס מתנה,
קומען ג׳גייען מיט ליכטער אין צייט;
די וועלט אַזוי קאַלט,
אַ חושך באַפאַלט,
ווען הימל פון ערד איז אַזוי ווייט.

ש. קרינסקי

ווען דאָס לעבן איז א קללה

ווען מיליאָנען מענטשן קעמפן,
ווי דעם הונגער בייצוקומען, —
קען איך מער ניט זינגען, טרוימען,
וועגן שטערן, פויגל, בלומען.

ווען די וועלט איז שלעכט און פינצטער
און עס לעבט זיך אָן אַ ווילן, —
קען איך מער די זון ניט זוכן
און מיט שטראַלן נעמען שפּילן.

ווען דאָס לעבן איז אַ קללה,
ווען מענטש און חיה הערשן גלייך, —
דאַן איז פרייהייט מיין מעלאָדיע,
און בין מיט קעמפער דאַן צוגלייך.

דאַן נאַשן מיר בײדע

די בלומען, די קװיטן, די זאַנגען, די בײטן,
װען שטראַלן באַפאַלן און קושן זײ אױס,
דאַן לײכטן אױף אױגן מיט טרױמען באַצײגן,
דאַן קום איך אין פעלד מיט מײן מײדל אַרױס.

די בײמער, די בלעטער, די בשמים, דער װעטער,
װען קלאַנגען געזאַנגען באַטעמען די לופט, —
דאַן אױגן זײ פלאַמען, די בלױע װי ימען,
דאַן הער איך מײן מײדל איר ליבן זי רופט.

די פײגל, די טרעלן, די טײכן, די װעלן,
װען גראָזן צעבלאָזן פאַרפױמען אין רױם, —
דאַן אױגן זײ פינקלען, דאַן שטערן צװײ שמינקלען,
דאַן נאַשן מיר בײדע די פרוכט פון דעם טרױם.

ש. קרינסקי

מיין מיידל

איך האָב שוין געשטיפט מיט מיידלשע אויגן,
אין פעלד און אין וואַלד און וואו נאָר איר ווילט,
ווי קומט דאָס אָבער צו די פון מיין מיידל,
קיינעמס פון זיי האָט דאָך מיין ליבע געפילט.

איך האָב שוין דעם טעם פון מיידלשע ליפּן
ניט איינמאָל געשמאַשט פיל מיין האַרץ האָט געגלוסט,
ווי קומט דאָס אָבער צו די פון מיין מיידל
קיינעמס פון זיי האָט דאָך מיין תפלה געוואוסט.

מיין גלויבן

עס וואָלט אַ סוף שוין לאַנגע געקומען,
צו אַ לעבן אַזוי ווי מיינער,
ווען ניט דער כח אין מיין גלויבן
אַז ווערן וועט די וועלט דאָך פיינער.

איך האָב שוין באַלד מיין ביסל יאָרן
אויסגעלעבט דאָ אין דעם גיהנום,
די האַרץ פון לאַנג שוין קלאַפּט מיר אונטער
געפּטרט איר פאַר דעם און יענעם.

ש. קרינסקי

אַנטוישונג

די יאָרן פאַרלאָרן
מיין יוגנט פאַרשפּילט,
מיין האַרץ פאַר דער צייט האָט
דעם עלטער דערפילט.

דאָס לעבן געפראָרן,
אָן ליכט און אָן שיין,
פון אַלע חלומות
אַנטוישונג און פיין.

ווידער

זינגען ווידער,
פעלקער לידער,
פון מלחמה און פון שווערד,
ווי אַ חלום
זאָל זיין שלום,
ווי אַ קללה אויף דער ערד.

קעמפן ברידער
שוועסטער ווידער,
בויען וועלטן אויף דאָס ניי,
וועלן פאַלן
טראָגנען קנאַלן
וועלן מענטשן ווערן פריי.

ש. קרינסקי

דער מענטש

דער מענטש, מעג ער האָבן גיטער,
האָבן אוצרות געלט א סך,
קען אַמאָל פון אים זיין רייכער,
דער וואָס האָט קיין היים, קיין דאַך.

דער מענטש, מעג ער האָבן שקלאַפן,
קנעכט אויף יעדן טריט און שריט,
קען אַמאָל גאָר זיין צופרידן,
דער וואָס שקלאַפט זיין היים און היט.

הערבסט

ווינטן בייזע, פייפן, בלאָזן,
שמייסן בלעטער אין דער לופט,
און פאַרבלאָזן פון די פעלדער
זייער שימער, חן און דופט.

אויסגעשיינט שוין באַלד די שטראַלן,
האָט די זון דאָרט אין דער הויך,
און אין הימל שווימען וואָלקנס,
כמאַרעס שוואַרצע ווי דער רויך.

רעגנס גיסן, כליפּען, וויינען,
פעלדער, וועלדער, ווערן נאַס,
הורבעס בלעטער, ווי די מענטשן,
הפקר זיינען אויף דער גאַס.

פון די וועלדער, פליען פויגל,
זוכן ערגעץ זיך א היים,
וואו ניט נאַקעט, זיינען פעלדער,
און וואו בלעטער האָט אַ בוים.

ש. קרינסקי

איך ווער גרוי

אַז די יאָרן לויפן, גייען,
און איך ווער מיר גרוי און אַלט,
ווערט דאס לעבן ענג און פינסטער
און דאָס האַרץ געפראָרן, קאַלט.

שוואַרץ געוועזן איז מיין עבר
אָן אַ סימן שיין און ליכט,
איך האָב רק געהאָפט, גע׳חלומ׳ט,
אויף דעם מאָרגן זיך געריכט.

באַלד פאַריבער שוין דער מאָרגן,
און נאָך ניט געזען די שיין,
ערגעץ וואו אַ וועלט א שיינע,
אַ גיהנום איז נאָר מיין.

אין דער צייט

אין דער צייט ווען רייכע לעבן,
אוּן פֿאַרלעבן אוצרות געלט, —
שטאַרבן מענטשן אויס פון הונגער,
מיט א קללה אויף דער וועלט.

אין דער צייט ווען רייכע הוליען,
און פאַרהוליען פעלדער ברויט, —
פירן שוואַכע אַ מלחמה,
מיט דעם שונא, מיט דעם נויט.

אין דער צייט ווען רייכע רוען
שקלאַפן וואַכן זייער שוועל, —
פרוירן מענטשן אין די גאַסן
און עס ווערט פון זיי א תל.

ש. קרינסקי

אָנפאַנג זומער

די פויגל זיי שוועבן, מיט טרעלן זיי לעבן,
זיי פילן די לופט אָן מיט חן,
די פעלדער זיי גרינען, חלומות זיי שפינען,
די זון אַזוי גאָלדיג און שיין.

די טויען זיי פינקלען, ווי פערל זיי שמינקלען,
זיי פילן די לופט אָן מיט טרוים,
די טייכן זיי פליסן, מיט שטראַלן זיי גיסן,
אַ תפלה עס מורמלט דער בוים.

די שטערן דאָרט אויבן, זיי ווינקען ווי אויגן,
זיי פילן די לופט אָן מיט פראַכט,
די בלומען, די גראָזן, מיט בשמים זיי בלאָזן,
מיט צויבער באַדעקט איז די נאַכט.

אַ צוואה

פאַר זיין טויט דער רייכער ליפּע,
איז געווען ביים קלאָרן רעיון.
האָט ער שרייבן אַ צוואה,
אָנפאַרטרויט דעם אַלטן דיין.

ניט דערוועגן זאָל מיין זון זיך
רייסן קריעה ביי מיין קבר.
ער איז מער ניט קיין ישראל,
טריף אין אים איז יעדער אבר.

זיינע קינדער די ערלים,
פון מיין הויז זאָל מען פאַרטרייבן.
און מיין רייכטום, מיין פאַרמעגן,
זאָל אויף צדקה דאָס פאַרבלייבן.

קהל פאַרקויפן זאָל די הייזער,
מיט די פעלדער און די קראָמען,
און לעם שול „הכנסת אורחים"
זאָל מען בויען אויף מיין נאָמען.

פאַר אייך מזומן גיב איך דיין
אמצבה וועט איר שטעלן.
איר נאָך מיר זאָלט קדיש זאָגן,
און דעם יאָרצייט ניט פאַרפעלן.

ש. קרינסקי

אין מאָמענטן פון הונגער

טעג פאַרכמאַרעטע, פינסטערע, ליידיקע,
קומען און גייען אַוועק;
פאַרלאַנגען, חלומות — אַן עליו השלום,
בלויז עקל, שאַטנס אַ שרעק.

נעכט לאַנגווייליקע, שלאָפלאָזע, שרעקלאַכע,
ציען זיך דויערן לאַנג;
טרוימען, פאַנטאַזיעס, — אַן עליו השלום,
בלויז שימל, חורבן און דראַנג.

לעבנס פרישע, יונגע ניט אויסגעלעבטע,
פוילן און ווערן פאַרוויט;
מענטשן, רחמנות, — אַן עליו השלום,
בלויז הונגער, שאַנדע און נויט.

צוקונפט פאַרלאָרענע, שווארצע, פאַרנעבלטע,
רוקט זיך מיט אימפעט און כעס,
קאַמפן, חלומות — אַן עליו השלום,
בלויז יאוש, צווייפל און האַס.

אַז מען שטאַרבט

דער טויט, ער מאַכט קיין חלוק ניט,
סיי פון אָרעם און פון רייך,
איינער איגגער, איינער עלטער,
שטאַרבן וועלן אַלע גלייך.

האָט איינער רייכקייט, אוצרות פיל,
אין קבר מיט זיך פירן, —
וועט ער ווערים פלייש און ביינער
אין תכריכים זיך באַצירן.

ש. קרינסקי

מיין ראָזע

א מתנה מיין טאָכטער

בלומען איר דופטיקע, זאַפטיקע, לופטיקע,
כשופדיק איז אייער חן,
אין פעלד איר זוניקע, גאָלדיקע, פאַרביקע,
צויבעריק זייט איר און שיין.

בלומען איר הערליכע, ליבליכע, געטליכע,
פערלדיק איז אייער טוי,
מיין ראָזע נאָך שענער, נאָך ליבער און זיסער,
די אויגן, די בלויע, צוויי.

יוגנט

וואו ביסטו מיין יוגנט, וואו זאָל כ׳דיר זוכן,
באַווייז זיך, באַווייז זיך, אין האַרצן ביי מיר.
כ׳וועל דיך ניט פאַנגען, פאַרהאַלטן אויף אייביק,
איך וויל מער ניט גאָר ווי אַ קוק טאָן אויף דיר.

און קוקן וועל איך מיט מיד טריבע אויגן,
מיט קנייטשן, און גריבער טיפע אין געזיכט,
טאָ זאָג מיר יוגנט, וואו ביסטו פאַרהאַלטן,
איך זוך דיך און זוך דיך און געפין דיך ניכט.

איך האָב דיך געזוכט אין דער גרויסער גמרא,
צעווישן אַלטע פאַרשמאַלצענע בלעטער,
איך האָב געפרעגט ביי אביי און רבא,
אויך ביי די איבעריקע גמרא געטער.

דאָרט האָב איך אמת, אַ יוגנט געפונען,
אַ יוגנט, אַ ריינע, אַ רייכע געזען,
נאָר ביי וועמען פון זיי איך האָב זיך געפרעגט —
קיינער, קיינער, האָט מיינע ניט אָנגעזען.

ש. קרינסקי

אין שיף נאָך אַ שטורעם

העלער, ליכטער איז דער הימל,
וואו ניט וואו אַ שוואַרצער וואָלקן,
גרעסער, ברייטער איז דער ים היינט,
ווייטער אויף די האָריזאָנטן.

מיד, פאַרמאַטערט, שוין די כוואַליעס
פון דעם שטיפן, פון דעם שפּרינגען,
נאָר דאָס שיפל, נאָר די רעדער,
קרעכצן, רוישן, הוליען, זינגען!

פרישער זיינען אויף די מענטשן
אויפן דעק דאָרט וואו זיי שטייען;
פרויען בעטן גאָט אין הימל,
ס'זאָל ניט שטורמען, ס'זאָל ניט ווייען.

הימל, וואָלקן, רויך און וואַסער,
ווען ניט ווען, אַ פויגל-פליען,
טאָג און נאַכט נאָר פון דעם שיפל —
כוואַליעס, כוואַליעס, בוקן, קניען.

אויף דיין קבר

ניט קיין קראַנצן וועל איך פלעכטן
אויף דיין קבר צו באַשיינען;
נאָר ווי קינדער וועלכע בלאָנדזשען
וועל איך שטענדיק אים באַוויינען.

ניט קיין „קריעה" וועל איך רייסן
ניט קיין „קדיש" וועל איך זאָגן
נאָר מיין האַרץ און מיין נשמה,
אַנשטאָט בלומען צו דיר טראָגן.

קיינע פויגל וועל איך לאָזן
לעם דיין קבר זינגען, פליען,
אויך די זון וועל איך באַשווערן,
ניט צו בראָטן דיך און בריען.

דורשטיק וועל איך האַלזן, קושן,
אָט דעם בערגל ערד דעם שוואַרצן,
און דעם שטיינדל, די „מצבה",
דריקן וועל איך שטאַרק צום האַרצן.

ש. קרינסקי

מיין צוקונפט

לעך איז מיין צוקונפט אַזוי ווי אַ חורבה,
וואָס שטייט אָן אַ דאַך, אָן אַ טיר,
וואָס אויסער פויגל, אַ חיה אַ ווילדע,
קומט קיינער, קומט קיינער, אין איר.

שוואַרץ איז מיין צוקונפט, אַזוי ווי די מטה,
וואָס שטייט דאָרט פאַרטרויערט אַזוי,
אויפן בית־עלמין, אין אוהל, לעם ארון,
און וואַנדערט צווישן וועלטן צוויי.

שוואַך און פאַרנעבלט זעסטו אויס מיין צוקונפט,
אין שוואַרצע פאַרבן טו כ׳דיך זען,
ווייל דאָס געוועזענע, דאָס פאַרגאַנגענע,
האָט אויך שענער ניט אויסגעזען.

אַ קבצן

גייט אַ אידל באָרוועס, נאַקעט,
ווייס ווי שניי איז זיינע באַקן,
איינגעבויגן, איינגעהויקערט,
מיט אַ פּעקל אויף דעם נאַקן.

קלאַפּט ער טירן, שלאָגט אָפּ שוועלן,
ווייזט פּאַפּירן פון רבנים,
אַז אַ מצוה איז צו שענקען
אים אַ פריילאַך ליבלאַך פנים.

קלייבט ער פּרוטות וואָס עס מאַכט זיך,
לאָזט אין שטאָט ניט אויסן קיינעם,
און מיט טרערן אין די אויגן
שענקט ער „ברכות" יעדן איינעם.

ש. קרינסקי

דער זאַטער

זיצט דער זאַטער און ער שטאָפּט זיך,
עסט און טרינקט און ווערט געאַכטעט,
וויל ניט וויסן אַז זיין ברודער,
הונגערט ערגעץ, איז פאַרשמאַכטעט.

פּאַשעט זיך דער גוף, דער זאַטער,
ווערט צעשמאָלצן פון פיל עסן,
ווען שפּעטער קענען ווערים
אים באַפאַלן, זויגן, פרעסן.

ווען די וועלט

איך וואָלט צום לעבן קיינע טענות
אסור מיר קיינמאָל געהאַט,
ווען אַלע מענטשן אָן אַן אויסנאַם,
וואָלטן ברויט געהאַט צו זאַט.

ניט פאַרשאָלטן וואָלט איך דעם לעבן
און געבעטן פ׳זיך דעם טויט,
ווען ניט פאַר איינעם אַ גן־עדן,
און דעם צווייטן הונגער, נויט.

ש. קרינסקי

מאַשינען

קוימענס פייפן, שפייען, הוסטן,
אין דער לופטן שטיקער רויך,
רעדער, הערצער, ווי דער רוח,
קרעכצן, פאָכן אין דער הויך.

ווי מאַשינען, שקלאפן ברואים,
שמידן אוצרות אויס מיט בלוט,
פאַר די טרייבער, פאַר די שמייסער,
וועלכע הערשן מיט דעם רוט.

אַלעמאָל

בלעטער פאַלן, וועלקן, שטאַרבן,
ווי דער הערבסט נאָר קומט צוגיין,
אַזוי רייסט ער, פליקט ער בגדים,
און לאָזט בוימער נאַקעט שטיין.

מענטשן פאַלן, וועלקן, שטאַרבן,
זומער, ווינטער, אַלעמאָל,
הורבעס ביינער, שטיינער, קברים,
איבער באַרג און איבער טאָל.

ש. קרינסקי

ווען אַ פאָלק קען ניט

אַ פאָלק וואָס קען ניט
אַ יום טוב זיך געבן, —
קען צו קיין גרויסעס
דערגרייכן, דערלעבן.

אַ פאָלק וואָס קען ניט
אַ צוקינפט זיך שענקען, —
הערט אויף דעם עבר
אָנהאַלטן, געדענקען.

אַ פאָלק וואָס קען ניט
גבורים דערציען,
מוז נע ונדעווען
ב׳פאַר פרעמדע זיך קניען.

ווען העכער פון נשמה איז געלט

מענטשן וואָס טרוימען צו ווערן טיראַנען,
שפּילן מלחמות ב׳בלוט צו פאַרגיסן, —
זייבען געגליכן צו מענטשן וואָס דאַרשטן
פון צווייטנס פּראַצע צו לעבן, געניסן.

מענטשן וואָס לעבן מיינט פרעסן און זויפן,
און העכער פון נשמה קען לעבן נאָר געלט, —
וואָלט פאַר דער מענטשהייט געווען פיל געזינטער
ווען זיי קומען אין גאַנצן ניט אויף דער וועלט.

ש. קרינסקי

ניט שרעקן וועסטו זיך מיט מיר

דו פאַרבאַהאַלסט זיך מיידל, כ׳זע דיך,
דו אַנטלויפּסט אין וואַלד אַליין,
אָבער מיידל, וואַלד וועט שרעקן,
ווייל אין צווייען דאַרף מען גיין.

בוימער, שאָטנס, וועלן שרעקן,
וועלן טרייסלען יעדן גליד,
און די פויגל וועט ניט קומען,
מיט איר תפלה, מיט איר ליד.

בעסער וואַרט אויף מיר, דו מיידל,
און צוזאַמען גיין אין וואַלד,
וועסטו טאַקע גלייך די פויגל
און אויך ליבע האָבן באַלד.

אויגן צוויי

ווען ס׳וואָלטן ימען
אין מיין האַרצן זיך אַריינגעגאָסן,
קיינמאָל וואָלטן זיי
דעם העלישן פייער אויסגעלאָשן.

ווייל אָט דעם פייער
האָבן אויגן צוויי דאָס אָנגעצונדן,
בייסט ער און ער ברענט
און לאָזט אין האַרצן אַזעלכע וואונדן.

ש. קרינסקי

זי

ווען דער הימל שרפעט,
די זון זי שפריצט מיט בלוט,
בליט דאַן אויף מיין יוגנט,
מיין רייץ, מיין לוסט און מוט.

ווען דער מערב פורפלט
די בערג אין רויטן רוים,
קומט צו מיר מיין ליבע,
מיט ליכט, מיט טריל און טרוים.

ווער זוכט דאַן די לבנה,
די שטערן אין דער נאַכט?
זי מיט אירע אויגן,
פאַרשיינט און זינגט און וואַכט.

אַ טרוים געהאַט

דו זעסט ווי ער איז צעטראָגן,
ווי ער רעדט צו זיך און לאַכט ?
ער האָט אַמאָל אַ טרוים געהאַט
און אַ ליבע דורכגעמאַכט.

ער איז אַמאָל פאַרליבט געווען
און ער ליבט איר היינט נאָך אויך.
נאָר זי איז פון אים פאַרשוואונדן
ווי אַ וואָלקן, ווי אַ רויך.

ש. קרינסקי

הימל ווערט באַשיצן

מיר ווילן וואַנדערן:
די וועלט איז לאַנג און ברייט,
נעם אין האַנט אַ שטעקן
און איך אַ טאָרבע ברויט.

נאָריש זיך צו שרעקן
פאַר היצן און פאַר קעלט.
הימל וועט באַשיצן
אונזביידן אויף דער וועלט.

אין דעם קאַלטן ווינטער
אַ בעט פון ווייסן שניי,
און אין הייסן זומער
אין אַ קאַפּעצע היי.

ניט מער

ס׳פרייט מיר שוין מער ניט דער פרילינג,
מיט זיין צויבער, גלאַנץ און טוי,
ווען מיין יוגנט איז פאַרגאַנגען,
איז דער הימל מער ניט בלוי.

פעלדער, בלומען, דופט־פאַרפיומען,
כ׳ווער ניט שכור מער דערפון,
ווען מיין צוקונפט, שרעקן שאָטנס,
איז פאַרגאַנגען אויך די זון.

ס׳פרייט מיר שוין ניט מער דער פרילינג
מיט זיין כשוף, טריל און חן,
ווען דאָס לעבן איז פאַר׳מיאוס׳ט —
איז דער פרילינג מער ניט שיין.

ש. קרינסקי

די חנוכה ליכט

קנייטלאַך, ליכטלאַך, קליינע, דינע,
שמעלצן, פינקלען, אין די פענצטער,
און די פלאַמען — זעט נאָר נסים,
ווערן שענער, העלער, גרעסער!

קנייטלאַך, ליכטלאַך, קליינע, דינע,
פינקלען, טונקלען און דערציילן
נסים, וואונדער פון פאַרצייטן
וועלכע טרייסטן, וועקן, היילן.

ווינטן בייזע, ווילדע הוליען,
רייסן, ברעכן וואָס זיי קענען,
און די ליכטלאַך — זעט נאָר נסים,
מיט אַ קדושה ווי זיי ברענען.

ניט פאַרלאָשן קענען ווערן
אָט די ליכטלאַך, אָט די קליינע,
ווייל פאַרבאָרגן אין די פלאַמען
זיינען נשמות שטאַרקע ריינע.

זון אונטערגאַנג

גיכער, גיכער, זעט דער מערב,
וויִ ער שפּאַלט זיך, ווערט דערטרונקען,
וויִ ער שרפעט, שפּייט מיט פלאַמען,
וויִ אין בלוט ער ווערט פאַרזונקען.

גיכער, גיכער, זעט דעם מערב,
וויִ די זון דאָרט גייט אַרונטער,
וואָלקנס, כמאַרעס, פּאַסן פייער,
ווען די זון צינדט הימל אונטער.

גיכער, גיכער, זעט דעם מערב,
וויִ שטיקער זון ער שלינגט מיט פּראַכט,
רויטע צינגער אין די הימלען
פאַרוויגן שלאָפן איר ביינאַכט.

ש. קרינסקי

איך האָב געוואוסט

כ׳האָב געוואוסט אַז דו וועסט קומען,
אַז וועסט ניט לאָזן מיך אַליין,
ווי די זון ביסטו געגליכן
וואָס גייט אַוועק און קומט צוגיין.

כ׳האָב געוואוסט אַז ברענגען וועסטו
מיר אַ הימל מיט דיין קומען,
דיינע אויגן ווי צוויי שטערן
ווי די ליכט פון זיבן זונען.

אַ חלום

כאָטש איך האָב אין נאַכט חלומות
קיינמאָל, קיינמאָל, ניט געגלויבט,
דאָך האָט מיך איינמאָל אַ חלום
אויפגעמונטערט און דערפרייט.

אין מיין חלום קוים וואָס גלויבט זיך
שיינט די זון פאַר אַלע גלייך,
ברויט צו זאַט אין אַלע היימען
גליקלאַך לעבן אַלע רייך.

שווערדן, ביקסן, אויסגעראַטן,
בלוט, מלחמות, מער קיין שפּיל,
פעלקער, מענטשן, איין משפּחה,
לעבן שלום אין דער שטיל.

ש. קרינסקי

פרילינג

עס גרינען די בוימער,
דער הימל איז בלוי,
די גראָזן פאַרטרונקען
אין פערל אין טוי.

דער טייכל ער זילבערט
מיט שטראַלן און טרוים,
די ווינטן צעבלאָזן
פאַרפיומען אין רוים.

די בלומען זיי בליען
מיט צויבער, מיט דופט,
די פויגל באַזינגען
מיט לידער די לופט.

שנייען

עס האָט ווער נ'הימל געעפנט אַ טירל,
און האָט דאָרט צעלאָזן די שנייען אויף פריי,
האָבן זיי פעלדער און וועלדער באַפאַלן
און חרוב געמאַכט וואָס געבויט האָט דער מאַי.

וואו נאָר אַ בלימל, אַ צווייגל, אַ גרעזל,
באַדעקט אין תכריכים איצט זיינען געווען,
שנייען געמאַכט האָבן וועלט צו פאַרגעסן
אַז זי האָט גאָר אַנדערש אַמאָל אויסגעזען.

ש. קרינסקי

ווען דער זומער גוססט

ווען דער זומער האַלט ביי גסיסה,
אין וועג אַריין ער מאַכט זיך גרייט,
הערן בלומען אויף צו בליען
די זון אַן פלאַמען דאַן פאַרגייט.

ווען דער זומער קלייבט אין וועג זיך
און נאַקעט בלייבן פעלדער שטיין, —
הערן פויגל אויף צו זינגען
און לאָזן איבער וואַלד אַליין.

בלעטער פאַלן דאַן פון בוימען
דער הימל איז שוין מער ניט בלוי,
ווען דער זומער האַלט ביי גסיסה,
איז מער ניט פערלדיק דער טוי.

ווען די זון

עס האָט ווער דעם הימל מיט וואָלקנס באַהאָנגען,
פון כלערליי פאַרבן, קאָלירן, אַ פּראַכט,
די זון ווי אַ מלכה, אין גאָלדענע קרוינען
מיט ליכטיקע שטראַלן די וועלט זי באַוואַכט.

וואו קאַלט איז און פינצטער, און וואו נאַס איז און שוואַרץ,
די זון דאָרט אַ ליכטיקן שטראַל גלייך זי שענקט,
ווערט וואָרעם און ליכטיק, ווערט פּראַכטיק און ציכטיק,
ווען דער זון איז ב׳הימל מיט קרוינען באַהענגט.

ש. קרינסקי

אַך ווי נאַריש

אַך ווי נאַריש, אַך ווי נאַריש,
איך האָב יאָרן לאַנג פאַרבראַכט,
מיט דעם הימל, זון און שטערן,
האָב איך קינדעריש זיך געמאַכט.

כ׳האָב מיט בלומען זיך געחברט
מיט בוים נ׳גראָזן זיך געשפּילט,
און דעם מענטשן אויסגעלאָזן
ניט פאַרשטאַנען אים געפילט.

אַך ווי נאַריש, אַך ווי נאַריש,
איך האָב דאָס ביז היינט געוועזן,
אַלעמען האָב איך באַזונגען
בלויז דעם מענטשן ניט געזען.

תנו רבנן

(באַלאַדע)

דרויסן איז ווינטער, דרויסן איז קאַלט,
הימל און ערד אין ווייסן געמאַלט,
גראָזן, צוויגן, בלומען קאַלירטע,
וועלכע ערשט נעכטן האָבן געלעבט —
זיינען אַלע היינט געשטאָרבענע
מיט תכריכים אינגאַנצן באַדעקט.
אויך דאָס וועלדל מיט זיינע פויגל
וועלכער איז אָקאָרשט פריילאַך געווען —
קוקט איצט אויס ווי אַ בית־עלמין,
וואָס אויסער חיות קען מען ניט זען.

דרויסן איז ווינטער, דרויסן איז קאַלט,
פון הימל פ׳דרערד אַ שנייעלע פאַלט.
די זון, אַ קאַלטע, פאַרגייט נ׳דער שטיל,
נ׳הימל שטערן באַווייזן זיך פיל.
אַ טומל, אַ מהומה ווערט אין גאַס
פון חדר די קינדער לויפן ראַש.
ס׳לעשן זיך לאָמפּן, ס׳שליסן זיך טירן,
די לאָדנס ווערן אַלע פאַרמאַכט.
ס׳רוט די גאַס, מ׳זעט קיינעם שפּאַצירן,
אויסער נ׳ווייסן דער וועכטער ער וואַכט.

דרויסן איז ווינטער, דרויסן איז קאַלט,
ס׳דרעמלט דאָס שטעטל, נ׳דער שניי ער פאַלט.
נ׳הימל וואָלקנס לויפן און איילן

ש. קרינסקי

ווי געיאָגט זיי וואָלט מען מיט פיילן.
אַ בלאַסע לבנה אין הימל שוין שטייט
און קוקט אויף דר׳ערד צי אימיצער גייט.
זי זעט ניט גיין, נאָר האַסטיק לויפן
אין אַ געסל אַ בחור אַליין,
צוויי שוואַרצע הינט יאָגן נ׳בילן.
נ׳ער בלייבט צעשראָקן לעם אַ שטוב שטיין.

ס׳לויפט אַ קלויזניק מיט היץ אין ישיבה
זיין זינדיק נשמה רייניקן דאָרט,
וועלכע ער האָט ערשט „טמא" געמאַכט.
ער האָט מיט שפרה דעם משגיחס,
שפעט אין דער נאַכט נ׳דער פינצטער פאַרבראַכט.
שפרה ז׳ערשט געקומען צופאָרן,
און זי איז שוין זיין פריינט געוואָרן.
נעכטן געזעסן נ׳שול אַ משמר,
און היינט מיט שפרהן גאַנץ געמיטלאַך
אַוועק ווייט, ווייט, לעם דער קלויסטער וואַנט.

ער איז מיט שפרהן שפעט געזעסן
און האָבן זיך פאַרבראַכט זייער גוט.
זי מיט איר יונגן מיידלשן רייץ,
געוועקט האָט נ׳אים לעבן, ליבע נ׳מוט.
זי האָט אים געזאָגט ווי ער איז שיין
די אויגן, ליפן, אומעטום חן,
ער האָט איר פרום געקוקט נ׳די אויגן
נ׳הייליק געהערט איר זיס ריידן.
ר׳האָט איר ליבע פ׳אייביק געשוואָרן
מיט גאָטס תורה וואָס אין דעם ארון.

און דער קלויזניק מיט זיין בלייך געזיכט,
מיט זיינע שוואַרצע שלאַנגען אויגן,

נעמטביים שמש אַ חלבנע ליכט
און אַנטלויפט פון וואָרעמען אויוון,
וואו ס׳שלאָפט דער פּרוש ביים משניות
און שטערט אים מיט זיינע העויות.
ער אַנטלויפט נ׳ווינקל אַ צעטראָגטער
ווי פון גאָט פ׳אייביק אַ געשטראָפטער
נ׳רעדט צו זיך מאָכנדיק מיט די הענט:
אַליין וואָלטיך איצט דאָ געוואָלט זיין
מיט גאָט, מיט דער שכינה, און קיינער
זאָל וויסן, זאָל הערן מיין ווידוי,
דעם אָפּגאָט צו וועלכן כ׳האָב זיך געבוקט.

אי, תנו רבנן, אי, אי, אי,
„אל תרבה שיחה עם האשה״,
קלאָגט נ׳זיפצט דער קלויזניק ביי דער גמרא:
דו זאָלסט פיל מיט קיין פרוי ניט ריידן,
נ׳ווער עס גיט נאָך דעם „יצר־הרע״,
וועט „לעתיד־לבוא״ צרות האָבן.
היינט אַ פּשיטא, איז דאָך געדרונגען,
אַז גיהנום קומט יענעם מענטשן,
וועלכער האָט אַ פרוי שפּעט אין דער נאַכט
פאַר אַ וויטן שפּאַציר גענומען,
און האָט פאַר אים לידער געזונגען.
געוויס איז קיין „סליחה ומחילה״
פאַר אַזעלכן שוין גאָר ניט פאַראַנען.

רירנדיק ווערט זיין תנו רבנן
הייזעריקער פון וויינען נ׳שרייען
זוכנדיק אַ תיקון נ׳דער גמרא,
ווי פון שפּרהן זיך גיך באַפרייען,
און זיין נשמה הייליק זאָל ווערן
נ׳מער דעם „יצר־הרע״ ניט הערן,

איז זיין תפלה איצט צו גאָט געשיקט.
דאָס וויל ער דעם פייער, די ליפּן,
וועלכע האָבן ערשט שפרהן געקושט, —
פאַרשטיקן, פאַרלעשן, אויף אייביק
ג׳די טרערן די ימען, וואָס קאַפּען
אויף דער ש״ס גמרא, דער פאַרשמאָלצטער,
אויף דעם תנו רבנן, דאָרטן.

מיד נ׳שוואַך פון דעם תנו רבנן
און פון דעם קלאָגן און קרעכצן פיל,
פאַלט דער קלויזניק אויף דער ש״ס גמרא,
און ווערט זיס אַנטשלאָפן אין דער שטיל.
נ׳שלאָף זעט ער ווי פון ארון קודש
אין באַגלייטונג פון מלאכים צוויי,
קומט אַרויס שפרה געטלאַך אַזוי
און רופט אים ערגעץ ווייט, וואו קיינער
זאָל זיי אַרויסזען און געפינען.
אויסער פויגל, גראָזן און בוימער —
זאָל קיינער וויסן פון דער ליבע
פון דעם רייץ נ׳ליידנשאַפט און פלאַמען
וואָס שטילן וועלן זיי צוזאַמען.
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

אי, אי, שפרה, תנו רבנן,
כאַפּט זיך פון שלאָף אויף דער קלויזניק
פליט צום ארון קודש — ר׳איז פאַרמאַכט.
וואַרפט ער זיך שטאַרקער ביי דער גמרא
אויקנדיק הייזעריק דעם ניגון:
תנו רבנן,
תנו רבנן.

הגר אין מדבר באר שבע

גרש האמה הזאת ואת בנה
כי לא יירש בן האמה הזאת
עם בני עם יצחק.
(בראשית כ"א).

ס'זעט פון דער ווייטן די אַלטע שרה,
יצחק ב'ישמעאל שטיפן צוזאַמען,
אַזוי ווי זיי וואָלטן ביידע געווען
קינדער, ברידער, פון איין טאַטען־מאַמען.

ווערט „מלא חמה" די באָבע שרה׃
פאַרגליווערט איר האַרץ, אירע געפילן,
איך וויל ניט, זאָגט זי, אַז אָט דער דינסט־קינד,
זאל זיך מיט מיין ליבלינג שטיפן, שפילן.

טרייב אַרויס דעם דינסט־קינד, מיט זיין מאַמען,
אברהם, פון מיין שטוב, פון מיין, אַצינד!
כ'וויל ניט, כ'וויל ניט, אַז ווען איך וועל שטאַרבן,
זאָל גאָר מיר ירשענען אַ פרעמדער קינד.

איך פאַרלאַנג אַז מיין גאַנצער פאַרמעגן
זאָל פאַר מיין קינד יצחקן פאַרבלייבן,
און אָט דער דינסט־פרוי, מיט ישמעלקען,
פון מיין שטוב, מיין היים, זאָלסטו פאַרטרייבן.

חשך, ביטער, ווערט דעם אַלטן טאַטן׃
עס איז דאָך זיין פרוי און זיין אייגן קינד!

ש. קרינסקי

ער ווייס, ער זעט, ער פילט און פאַרשטייט דאָך,
ווי גרויס, ווי אכזרדיק, איז אַזאַ זינד.

ס׳וויל אָבער גאָט דאָס זעלבע וואָס שרה:
אַלץ, אַלץ זאָל צו יצחקן געהערן.
און טרייסט דעם אַלטן מיט פיל הבטחות,
אַז אויך ישמעאל וועט נאָך גרויס ווערן.

דאַן פועלט ביי זיך דער אַלטער טאַטע
נ׳שיקט זיין פרוי מיט דעם בן־יחיד אַוועק,
הגר נעמט קיין זאַך אַוועק פון שרהן,
מער ניט, ברויט מיט וואַסער, מיט זיך אין וועג.

גייט זי זיך הגר איינזאַם, פאַרטרויערט,
זי גייט, און ווייס ניט, וואוהין זאָל זי גיין;
ביז זי פאַרבלאָנדזשעט גאַנץ טיף נ׳אַ מדבר,
וואָס אויסער חיות בלייבט דאָרט קיינער שטיין.

ס׳צעוויינט זיך דאָס קינד מיט טייכן טרערן,
דאָס איז די וואַסער צו גרונט געגאַנגען.
נ׳דאַ איז אַ היץ, אַ מדבר אַ גרויסער,
און האָט ניט וואָס דעם קינד צו דערלאַנגען.

דאַן פאַלט צו דר׳ערד די עלנטע מוטער
לאָזנדיק ליגן איר קינד גאַנץ אַליין;
זי האָט ניט קיין הארץ, צו זען, צו קוקן,
ווי פון דורשט איר „קדיש“ וועט באלד אויסגיין.

זי פאַלט צו דר׳ערד און לעכצעט אַ תפלה
צו גאָט אין הימל מיט טייכן טרערן;
זי בעט ביי גאָט, דעם גאָט פון אברהם,
ער זאָל איר פאַרגליווערט הארץ אויסהערן.

לידער

ווי קענסטו, גאָט, פ׳דיין שטול רואיק זיצן
און פון די מלאכים שירה הערן!
אַז דאָ אין מדבר שטאַרבט אברמס קינד,
ווייל ס׳פעלט אים וואַסער זיך צו דערנערן.

צי האָסטו שוין, גאָט, ב׳גאַנצן פאַרגעסן,
ב׳דעם וואָס דו האָסט מיר געשוואָרן אַמאָל:
אַז ניט ציילן וועט מען מיינע קינדער,
ווי די זאַמד וועלן זיי זיין אָן אַ צאָל.

אַ טומל, אַ רעש, ווערט דאָרט ב׳הימל,
מלאכים הערן אויף „שירה״ זאָגן.
ב׳הגרס גערעכטע קוואַלן טרערן
צו גאָט פון „רחמים״ ווערן דערטראָגן.

עס קען שוין מער גאָט גלייכגילטיק ניט זיין,
און עס רירט אים איר תפלה, איר געוויין.
באַווייזט ער אַ נס, אַ וואונדער, פלוצלונג,
ב׳זי בלייבט לעבן אַ פריש קוואַל וואַסער שטיין.

ש. קרינסקי

היימלאָזע הינט

פאַבל

1

אָפּריכטן גלות אין וועג זיך געלאָזן,
האָבן צוויי קודלעוואַטע היימלאָזע הינט.
איינער באַדינט האָט אַן אָרעמען אַלטן,
אין אַ שמאָלער, ענגער, פינצטערער חורבה,
אויסערן שטעטל לעבן ווינט־מיל אַליין.
דער צווייטער, געלעקט, געלאַשצעט אַ פריץ,
נ׳הימל הויך, ריזיקע, גרויסע פּאַלאַצן,
וואו אָרעמע, שוואַכע, פינצטערע שקלאַפן,
געקושט אים די הענט און געקניט זיך פאַר אים.
וואָס ווייסטו, וואָס ווייסטו, וואָס כ׳האָב געליטן
ביי מיין אָרעמען אַלטן נ׳פעלד דאָרט אַליין,
אין אַלערליי ווינטן, רעגנס, און בלאָטעס,
געפרוירן אין גאַס די נעכט און סקאַוואַועט,
געבילט, געוואָרנט, אַז קיינער זאָל קומען
אין פינצטערער נאַכט אַהער צו דעם הייזל,
און שרעקן דעם קראַנקן אָרעמען אַלטן,
וואָס פ׳דרערד געלעגן האָט ער און געציטערט,
געהוסט, געקרעכצט, געזיפצט און געאויקעט.
ניטאָ קיין קרעפטן, מיין פריינט, צו דערציילן,
פאַר דיר מיינע צרות וואָס כ׳האָב פאַרטראָגן.
די נאַכט געשטאַנען אין גאַס און געפרוירן,
און עסן פאַר זיך אַליין געדאַרפט זוכן.
אַ, וויפיל שטעקנס מיין לייב האָט געקראָגן,

מיין קאָפּ — וויפיל שטיינער ער האָט שוין פאַרזוכט.
צוליב אַ פאַרדאַרטן חזירשן ביינדל,
וואָס איך האָב ערגעץ אין אַ קעלער דערשמעקט —
שלעפּ איך אַ פּיסל נאָך ביז היינטיקן טאָג.
איינמאָל אין שטאָט, ווען איך האָב זיך פאַרשפּעטיקט,
און געקומען צום אַלטן גאַנץ שפּעט ביינאַכט,
האָב איך אים געטראָפן דעם קאָפּ פאַרוואָרפן,
מיט אָפענע אויגן אין אַ טייכל בלוט.
וויפיל איך האָב ניט געגלעט און געקושט אים,
אַ שמייכל אפילו צו מיר ניט געשיינקט.
וויפיל איך האָב ניט געבילט און געשריען,
וויפיל איך האָב טרוקן די בלוט ניט געמאַכט, —
טויט איז דער אַלטער פאַר מיר שוין געווען.
פאַרקלעמט האָט דאָס האַרץ מיר און גלייך אַנטלאָפן
בין איך פון חורבה, וואו טויט שוין געלעגן
מיין אָרעמער אַלטער, דער איינציקער פריינט,
וואָס האָט מיר מיט ליבע שטענדיק באַגעגנט —
אָפריכטן גלות ערגעץ אין אַ מדבר,
וואו קיין מענטש, קיין פויגל זאָל זיך געפינען,
פאַר דער גרויסער זינד וואָס איך האָב באַגאַנגען,
צו לאָזן אַליין מיין עלנטן אַלטן,
אויסגיין און שטאַרבן אין מיטן העלן טאָג.

2

האו! האו! האָט געבילט, געסקאַוואועט,
לויפנדיק דער צווייטער, בייז און געשאָלטן:
וויפיל דאַרף איך דאָס שוין וויינען און קלאָגן,
וואָס געלעבט האָב איך אין גרויסע פּאַלאַצן,
וואו פויגל אין קלעטקעס כלערליי לידער
האָבן טאָג און נאַכט געזונגען כסדר.
וואו מיט בלומען באַהאַנגען זיינען געווען

די ווענט אומעטום, וואו איך בין געגאַנגען.
נאָך היינט אויפן צונג איז מיר דער טעם, פון
די פליישן וואָס פון די טעלער געשלונגען
האָב איך ווען געגעסןביים טיש, האָט מיין ווירט,
וואָס האָט מיך געבאָדן, געפּוצט, גערייניקט,
אויפן האַלז אַ שלייף מיר אונטערגעבונדן,
וואָס שעהן געזעסן און מיך געלערנט
געבן אַ לאַפּקע און שטיין אויף צווי פיסלאַך,
וואָס איז אָן מיר קיינמאָל פון שטוב ניט אַרויס,
און שלאָפן ביינאַכט מיט אַלע געגאַנגען.
איינמאָל — איך ווייס ניט וואָס דאָרט איז געווען,
פּלוצלונג — מיין פריץ איז נעלם געוואָרן,
אַזוי ווי קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען,
און אויף אַלץ וואָס געווען איז אין דעם פּאַלאַץ —
די פינצטערע שקלאָפן וואָס קיינמאָל ניט געוואָגט,
האָבן ווייטער פון טיר אַ טראָט ניט געגעבן —
זיינען אויף אַלץ די באַלעבאַטים געוואָרן,
ב׳מיך אָן רחמנות געפּייניקט, געשלאָגן,
ביז מיטן לעבן פון שטוב קוים אַנטלאָפן.
און אַזוי האַלט איך מיר רק אין איין לויפן,
ביז מיט דיר זיך געטראָפן, האָב איך, מיין פריינט.
איך האָב שוין אין וועג אפילו געטראָפן,
ביידלאַך, הייזלאַך, אויך פּאַלאַצן גאַנץ שיינע —
איך האָב זיי אָבער אַלע אויסגעמיטן.
ווער ווייס, ווער ווייס, פון זיי, די באַלעבאַטים,
צי זיינען זיי חלילה, פינצטערע קנעכט
ביי קיין רייכן פּריץ אַמאָל ניט געווען...

קבלת התורה

בשעה שעלה משה למרום אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה: רבש"ע, מה לילוד אשה בינינו? אמר להם לקבל התורה בא, וכו'. (שבת פ"ח).

1

עס בלאָנדזשען ווי שעפּסן די אידן אין מדבר
מיט גלויבנס אין געטער פון כלערליי ראַנגען,
עס פירט זיי דער נביא, דער געטלאַכער משה
די לאַנד פון די אבות אויף אייביק ענטפאַנגען.

ס'וויל אָבער גאָט זיי פּאַר אַ פאָלק פריער מאַכן,
איידער זיי מאַרשירן דעם מדבר אַריבער:
שטרעקט ער זיין האַנט אויס און נעמט משהן אין הימל,
און זעצט אים ביים „כסא הכבוד" אַנידער.

שטייען די מלאכים מיט „קנאה" און קלערן:
ווי קומט דאָ דער שוואַכלינג, די ערדישע בריה?
שמייכלט דער בורא און וויזט זיי אויף דער תורה
דורך וועלכער משה האָט דערגרייכט אַזאַ זכיה.

דו זעסט אָט די תורה, פון מיר אויסדערוויילטער?
נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן,
האָב איך די תורה אַ מתנה געהאַלטן,
די אידן צו געבן איר האָב איך געשוואָרן.

און אויב נאָר פאָלגן וועלן זיי וואָס געשריבן
עס איז אין דער תורה און היטן מיין געבאָט —
פאַררעכנט פאַר די בעסטע וועלן זיי ווערן,
און אייביק געליבט וועלן זיי זיין פון מיר, גאָט.

ש. קרינסקי

ניט געלאָזן די מלאכים

האָבן גאָט די מתנה שענקען
צו די מענטשן וועלכע וועלן
קיינמאָל היטן איר, געדענקען.

אויך דער שטן האָט געשאָטן
פעך און שוועבל אויף די מענטשן:
בעסער שענק איר די מלאכים,
וועלכע פאָלגן דיך און בענטשן.

ניט געהערט האָט זיי דער בורא
גאָר אין אַכט דאָס ניט גענומען,
ער האָט משהן מיט זיין ענטפער
גלייך געהייסן אַרויסקומען.

זאָג זיי משה, זון פון עמרם,
ענטפער זיי אויף דעם וכוח,
וויז דיין גבורה די מלאכים,
אויך דעם שטן אָט דעם רוח.

צו וואָס תורה, דאַרפט איר שרפים,
פעלט אייך ליכט דען דאָ אין הימל?
אייך וועט דאָך דער „יצר הרע"
קיינמאָל ברענגען צו קיין שימל?

אָבער מענטשן — טענהט משה.
די „ילודי אשה" אויף דער ערד —
מוזן האָבן ליכט, אַ תורה,
ז'ניט האָט ס'לעבן גאָר קיין ווערט.

בלייבן שרפים שטיל אין הימל,
און שעפטשען „קדוש" אין דער שטיל,
רק דער שטן, אָט דער „חונף"
איז ניט צופרידן פון דעם פיל.

2

צום פאָלק, נ׳מדבר, נביא גרויסער,
גיי וואָס גיכער, זע, זיי בענקען:
מאַך זיי הייליק, גרייט צו נעמען,
די מתנה כ׳גיי זיי שענקען.

עס ציטערט דער מדבר,
דרייט זיך ווי אַ קנויל,
מיט פייער די הימלען
זיי שפייען, אַ גרויל.

עס רויכערט דער „סיני״,
אין פלאַמען ער גליט,
אַ תורה פאַר אידן
אויף אייביק גאָט גיט.

עס בליצט און עס דונערט,
עס שטורעמט, עס קנאַלט,
די שופרות, זיי שאַלן,
אַן אימה עס פאַלט.

אנכי — איך בין גאָט!
רייסט זיך דורך אַ קול,
די אידן פון פחד,
אַנטלויפן פון טאָל.

נעשה און נשמע!
איז דעם פאָלקס שבועה,
עס שמייכלט די שכינה,
עס רוט די נבואה.

ש. קרינסקי

דער אַלטער און דער נייער יאָר

עס קלייבט זיך דער אַלטער תרצ״ה אין וועג שוין
מיט קלומקעס צו דר׳ערד געבויגן אין דרייען,
דערציילן דעם פּיין וואָס ער האָט פאַרטראָגן,
פאַר גאָט אין הימל, דעם אייביקן דין.

גייט ער און שלעפּט זיך דער אַלטער, דער שוואַכער,
אויף וועגן פון קברים, פון טויט און פון דראַנג,
וואו אַלעס איז „קנאה״, פאַלשקייט און „שנאה״,
וואו לעבן מיינט יענעמס „אכזריות״ און צוואַנג.

ער גייט זיך באַקלאָגן פאַר גאָט אין הימל
אויף אַלע נאַציעס, מלוכות און מענטשן,
און אַז מיט די אידן, די „צאן קדשים״,
מעג ער אויפהערן זיך רימען און בענטשן.

זיי מישן זיך אויס מיט זייערע „שכנים״
אזוי — אַז צו דערקענען איז זיי שוין שווער,
אַ שפּראַך, אַ פאָלק און אַ היימלאַנד צו האָבן —
וויל גאָר פון זיי קיינער ניט געבן אַ קלער.

גייט ער פאַרטראָגן אַזוי און פאַרדאגהט
צוריק מיט די קלומקעס פון „שפע״ און שיין,
וואָס גאָט האָט פאַרטיילן אים מיטגעגעבן
צו די אידן וואָס זיינען הערלאָך און פיין.

ער גייט און פון ווייטן פלינק ווי אַ וויכער,
קומט אים אַנטקעגן אַ ריז, אַ פאַרשוין,

לידער

ווי ער איז ער אויך מיט קלומקעס פאַרוואָרפן
און גיט זיך אפילו אַ בייג ניט אין גיין.

תרצ״ה: ווער בינסטו דו יונגער צויבערער טרוימער
וואָס דו טראָגסט דעם קאָפּ אַזוי הויך פאַריסן?
אויך אין די קלומקעס וואָס האָסטו באַהאַלטן
און פאַר ווערמען דאָס אַלעס וויל איך וויסן?

תרצ״ז: תרצ״ו איז מיין נאָמען, און דאָס וואָס איך בין,
טראָג איך „מתנות״ צו די אידן אַ סך,
נו, האַלט איך דעם קאָפּ צום הימל פאַריסן,
און זינג מיר פון „רחבות״ און הוליע און לאַך.

תרצ״ה: און איך בין תרצ״ה דער אַלטער, דער קראַנקער,
אויך איך פאַראַיאָרן האָב אויסגעזען שיין,
און איבעראַיאָר געבויגן אין דרייען
צוריק מיט די קלומקעס ווי איך ווערסטו גיין.

ש. קרינסקי

די שטאַרקע

א

ווען איינמאָל דער מענטש מיר איז פאַרמיאוסט געוואָרן,
די וועלט און דאָס לעבן אַ גיהנום געוואָרן,
ווען ניט צוזען געקענט האָב איך און פאַרטראָגן,
ווי איינער דעם צווייטן טוט דריקן און יאָגן,
ווי דער שטארקער געוועלטיקט מיט מאַכט און מיט גרויל,
און דער שוואַכער דרייט זיך אין יאָך ווי אַ קנויל —
האָב איך מיט צאָרן פאַרלאָזן שטאָט, מענטש און גאַסן,
וואו דער זאָטער, פון אָרעמען, האַלט אין איין שפּאַסן,
און האָב זיך פאַרנומען אין וואַלד צווישן בוימען,
וואו גראָזן און בלעטער, לעבן בשלום אין איינעם.

ב

איך האָב אָבער אומזיסט פון טיראַנען אַנטרונען,
איך האָב זיי אין וואַלד אויך אין גרינעם געפונען.
אויך דאָרט, איז דאָס לעבן, ניט שענער ווי אין שטאָט,
דער שטאַרקער, אויך דאָרטן, הערשט אויף יעדן טריט און טראָט.
דער ווינט שמייסט די בלעטער, מיט רוגזה און מיט כעס,
און ברעכט בוימען און צווייגן, מיט גרויל און מיט האַס.
דאָ יאָגט זיך אַ פוקס נאָך אַ העזעלע מיט שוים,
און דאָ פליט א פויגל, מיט א וואָרעם צום בוים.
דאָ גיט דיר פלוצלונג, פאַר גאָר ניט, א ביס גאָר אַ בין,
און דאָרט, מאַטערט אַ פליג זיך, אין געוועב פון אַ שפּין.

ג

האָב איך מיר, פון וואַלד זיך, אויף גיך אָפּגעטראָגן,
וואו שטאַרקער נאָך שוואַכן טוט לויפן און יאָגן,
און האָב צום בית־הקברות געשטעלט מיינע טריט,
וואו שטאַרקע אויף זיכער געוועלטיקן מער ניט.
איך האָב אָבער דאָרטן דאָס זעלבע געפונען:
יחוס און רייכקייט, האָט דעם אויבנאָן פאַרנומען.
דער גביר, דער למדן, דער יחסן דער גרויסער,
זיין קבר, אין אַ מערה, אַזוי ווי אַ קיסר.
און דער שוסטער, דער שניידער, די אָרעמע לייט —
פאַרלאָזענע קברימלעך פון פאַרקאָן ניט ווייט.

ד

איך האָב אויך אויפן בית־עלמין לאַנג ניט געזעסן,
דער יחוס און כבוד, מיר האָט זיך דערעסן,
און איך האָב זיך פאַרנומען צום שול און צום קלויז,
געפינען יושר, גלייכהייט, אין דער געטלאַכער הויז.
איך האָב אָבער דאָס זעלבע געטראָפן אין שול,
די שטאַרקע, די רייכע, אויך דאָרטן זיינען פול.
דער מזרח, די תורה, די בימה און דעה
באַהערשט איז פון שטאַרקן פאַר האָבן די מאה.
האָט איינער קיין געלט ניט און באַזיצט ניט קיין מאַכט, —
ווערט ער אפילו אין בית־מדרש אויסגעלאַכט.

ה

דאָן האָט אַ כוח אַ שטאַרקער אין שטאָט מיך געטריבן
צוריק צו דעם שוואַכן וואָס איז הפקר פאַרבליבן,
צו די רייען אים ברענגען פנים צו פנים
אין קאַמף מיט די שטאַרקע, די פינצטערע שונאים.

ש. קרינסקי

די מאַכט פון די רייכע, די הערשנדע קלאַסן
קען ווערן געבראָכן דורך די אַרבעטער מאַסן.
ווען דער שונא דערפילן וועט די אייזערנע האַנט,
צעשמעטערט וועט דאַן ווערן זיין קראַפט און זיין שטאַנד.
די שוואַכע זיי מוזן ווי איינער דערוואַכן
פון דער וועלט אַ גן־עדן קענען זיי מאַכן.

חד גדיא

א מתנה מיין זון

1

אַ ציג, אַ מציאה,
אײנע אין דער װעלט,
געקױפט דער טאַטע
כמעט װי אָן געלט;
פאַר צװײ גילדאַקעס,
אַ ציג אָן בראַקעס
אַ ציג, אַ מציאה,
אַ כשרע בריאה.

2

דערשמעקט האָט אַ קאַץ
די ציג, די בריה,
נעמט זי און נאַשט אויף
דעם טאַטנס מציאה,
װאָס ער האָט געקױפט
כמעט װי אָן געלט
אַ ציג אָן בראַקעס
פאַר צװײ גילדאַקעס.

3

ווערט בייז דער כלב
און צעבייסט גאַנץ גוט,
די קאַץ, די בעסטיע,
פאַר ציגעלס בלוט,
וואָס כמעט אָן געלט
געקויפט דער טאַטע,
אַ ציג אָן בראַקעס,
פאַר צוויי גילדאַקעס.

4

קלערט ניט דער שטעקן
מיט די צוויי עקן,
נ׳ברעכט אָן די ביינער
דעם הונט, דער איינער,
וואָס האָט געביסן
קעצלען געריסן,
פאַר נאַשן, פרעסן,
ציגעלאַך עסן,
וואָס כמעט אָן געלט
געקויפט דער טאַטע,
פאַר צוויי גילדאַקעס
אַ ציג אָן בראַקעס.

5

אַ פייער, אַ בליץ,
האָט זיך דערטראָגן,
און האָט מיט רעש
ביז צו קויל און אַש,

פאַרברענט די עקן,
די צוויי פון שטעקן,
פאַר בוכצען שלאָגן
דעם הונט מיט כעס,
וואָס האָט געביסן
קעצלען געריסן,
פאַר נאַשן פרעסן
ציגעלאַך עסן,
וואָס כמעט אָן געלט
געקויפט דער טאַטע,
אַ ציג אָן בראַקעס
פאַר צוויי גילדאַקעס.

6

אַ וואַסער, אַ קוואַל,
אין צייט געלאָשן
ס׳פייער פון שטעקן,
וואָס האָט געדראָשן,
קלעפּ מיט די עקן
דעם הונט, דער איינער,
וואָס האָט געביסן,
קעצלען געריסן,
מיט זיינע ציינער
פאַר נאַשן פרעסן,
ציגעלאַך עסן,
וואָס כמעט אָן געלט,
איינע אין דער וועלט
געקויפט דער טאַטע,
פאַר צוויי גילדאַקעס
אַ ציג אָן בראַקעס.

7

אַן אָקס מיט ביינער,
א טרינקער איינער,
געמאַכט האָט לחיים,
מיט דעם ים מים,
וואָס האָט געלאָשן
ס׳פייער פון שטעקן,
וועלכער געדראָשן,
האָט מיט די עקן,
דעם הונט דער איינער,
וואָס האָט געביסן,
קעצלען געריסן,
מיט זיינע ציינער
פאַר נאַשן פרעסן,
ציגעלאַך עסן,
וואָס כמעט אַן געלט,
איינע אין דער וועלט,
געקויפט דער טאַטע,
א ציג א מציאה
פאַר צוויי גילדאַקעס.
אַ ציג אַן בראַקעס.

8

א שוחט, אַ ברען,
די מלאכה וואָס קען,
האָט מיט זיין מעסער
זינגענדיק „כתר״
צעפּאַלמעסט פ׳שטיקער
דעם אָקס דעם „שכור״,
וואָס האָט געראוועט
ס׳וואַסער געכליאַקעט,

און האָט געלאָשן
ס׳פייער פון שטעקן
וועלכער געדראָשן
האָט מיט די עקן
דעם הונט דער איינער
וואָס האָט געביסן,
קעצלען געריסן,
מיט זיינע ציינער
פאַר נאָשן, פרעסן,
ציגעלאַך עסן,
וואָס כמעט אָן געלט,,
אַ ציג, אַ מציאה,
געקויפט דער טאַטע,
פאַר צוויי גילדאַקעס,
אַ ציג אָן בראָקעס.

9

דער מלאך פון טויט,
דער מענטשן פרעסער,
האָט שוחטס נשמה
געטויט מיטן מעסער,
פאַר שלאַכטן, שעכטן,
אָן אָקס אַ רעכטן
וואָס האָט געראָוועט,
ס׳וואַסער געכליאָבעט,
און שנעל געלאָשן,
ס׳פייער פון שטעקן,
וועלכער געדראָשן
האָט מיט די עקן,
דעם הונט דער איינער
וואָס האָט געביסן,

קעצלען געריסן,
מיט שאַרפע ציינער,
פאַר גאַשן פרעסן,
ציגעלאַך עסן,
וואָס כמעט אָן געלט,
אַ ציג, אַ מציאה,
אַ כשרע בריה,
געקויפט דער טאַטע,
פאַר צוויי גילדאַקעס,
אַ ציג אָן בראַקעס.

10

געקומען איז גאָט,
דער האַר פון אַלעס,
און האָט דעם מלאך
מלאך המות,
אַ שטראָף אַן עונש,
אַרויסגעגעבן
זיין אייגן נשמה
אַוועקצוגעבן
דער מענטשן פרעסער
וואָס האָט דעם שוחט
געטויט מיטן מעסער
פאַר שלאַכטן שעכטן,
אַן אָקס אַ רעכטן,
וואָס האָט געראַוועט
ס׳וואַסער געכליאַבעט,
און שנעל געלאָשן,
ס׳פייער פון שטעקן,
וועלכער געדראָשן,

לידער

האָט מיט די עקן,
דעם הונט די ביינער,
וואָס האָט געביסן
קעצלען געריסן,
מיט שאַרפע ציינער,
פאַר נאַשן פרעסן,
ציגעלאַך עסן
וואָס כמעט אָן געלט,
אַ ציג, אַ מציאה,
אַ כשרע בריה,
געקויפט דער טאַטע,
איינע אין דער וועלט,
פאַר צוויי גילדאַקעס
אַ ציג אָן בראַקעס.

ש. קרינסקי

חורבן שטימונגען

תשעה באב — אַ פאַרשעמטע און פאַרחלשטע איז די זון פאַרזונ־קען אין די העלישע גיהנומשע גלות פלאַמען, פון דעם גאָט פון ציון געשטראָפטן שרפהדיקן מערב. דער בלויער פאַנטאַס־טישער קריסטאַליזירטער הימל האָט פון זיך די ווייס בלויע קליידער אויף שטיקער צעריסן און זיך פאַרוויקלט און פאַר־גאַרטלט אין שוואַרצע וואָלקנס, און פון זיך מיט האַס און צאָרן, די בלאַסע מילדע לבנה און אומשולדיקע שטערן פאַרטריבן ערגעץ אין אַ ווינקל, וואו די שאַנדע פון חורבן זאָל זיך צו זיי ניט דערטראָגן.

תשעה באב — נבוכדנצר שאָטנס, שאָטנס פון רחמנותלאָזע ריטער און טיראַנען, שאָטנס וואָס טראָגן מיט זיך די גרויזאַמע פרצופים און בילדער פון דעם שרעקלאַכן קללהדיקן חורבן גזר דין, שאָטנס, וועלכע שפרייטן זיך אויס איבער דער לענג פון אַן ענדלאָזן גלות, האָבן זיך צעלייגט אומעטום אין אַ חורבנדיקער שטימונג און אַ מעלאַנכאָליע איז געפאַלן אויף אַלעמענס געזיכטער.

תשעה באב — אין אַלטע אָפּגעטראָגענע „זכר לחורבן" קליידער, מיט פון טרערן אויסגעווייקטע און קיינמאָל אויסגעחורבנטע קינות אונטער דעם אָרעם, גייט דאָס אָרעם עלנט אידיש פאָלק, מיט געלע וואַקסענע פנימער, פאַראַבלט, פאַרחשכט, דעם קאָפּ טיף צו דער ערד געבויגן, אין שול אַריין, פליקן און רייסן פון זיך די הויט פאַר שאַנדע, אויסחורבנען דעם „זכור ה׳ מה היה לנו", אויסטענהן זיך מיט דעם „אל נקמות", און ציונס חורבן — פון די קברים אויפברענגען, און צוזאַמען מיט דעם אידישן האָרץ זאָל אויך דער „כסא הכבוד" אויפציטערן.

תשעה באב — שטומע און צעשראָקענע חורבן עדות, זיינען די סודותדיקע וועגט פון דעם שטענדיק שכינהשן ליכטיקן „בית־מדרש". דער „ארון הקדש" קוקט אַראָפּ אַ גאַקעטער מיט אַ געפיל פון רחמנות און טרויעריקע גלות סודות צו די אבלים, די קינדער פון דער רואינירטער ציון, וועלכע זיצן אויף די איבערגעקערטע סטענדערס פאַר דער טונקעלער שיין פון חלבנע ליכטלאַך, וועלכע שמעלצן און מישן זיך אויס מיט די טרערן וואָס פאַלן אויף די דורותדיקע קינות בלעטלאַך, פון ציונס חורבן, און קרעכצן און זיפצן צוזאַמען מיט דעם מקונן ירמיה, ביי דעם טראַגיש אייביק פאַרשאָלטענעם איכה.

תשעה באב — און אַזוי אַ יאָר נאָך אַ יאָר, איינגעבויגענער, איינגעהויקערטער, קלייבט זיך צונויף דאָס אידישע וואַנדער פאָלק, תשעה באב אין שול, מיטטראַגנדיק אויף דעם אויסגעקרימטן צוויי טויזנט יאָריקן גלות אקסל, נייע איכהס, מיט נייע חורבנות, וועלכע מישן זיך אויס מיט די רואינען פון אַמאָל.

תשעה באב — אויסגעבלייכטע, מיד פון קלאָגן און פאַסטן, זיצן די גלות אידן דעם קאָפּ פאַריסן צום הימל, און קוקן אויס אַ שטערן. דאַן וועט דערוואַכן דאָס חורבן פאָלק, דאָס פאָלק פון אייזערנעם כח און גלויבן און מיט אַן ענערגיע וועט ער פון זיך די גלות בייזע שאָטנס פאַרטרייבן, די קינות ערגעץ אין שפּעלט־לאַך פאַרשטעקן און אָנקלייבן קרעפטן צו מיטשלעפּן די נייע איכהס און פאַרפאַלגונגען ביז אין אַ יום טוב וועט פאַרוואַנדלט ווערן דער טאָג פון — **תשעה באב**.

אינהאַלט פון די לידער

אויס בעטלער 113
באַזינג ניט דיכטער 114
מיין גאָרטן 115
אַ זומער נאַכט 116
דער לעבן ווערט דאַן שיין.. 117
מיין תפלה 118
דער מאָרגן 119
אַמאָל 120
דער איד 121
אַ זומער רעגנדל 122
אַזוי קאַלט 123
ווען דאָס לעבן איז אַ קללה.. 124
דאַן נאַשן מיר ביידע 125
מיין מיידל 126
מיין גלויבן 127
אַנטוישונג 128
ווידער 129
דער מענטש 130
הערבסט 131
איך ווער גרוי 132
אין דער צייט 133
אָנפאַנג זומער 134
אַ צואה 135
אין מאָמענטן פון הונגער.... 136
אַז מען שטאַרבט 137
מיין ראָזע 138
יוגנט 129
אין שיף נאָך אַ שטורעם.... 140
אויף דיין קבר 141
מיין צוקונפט 142
אַ קבצן 143
דער זאַטער 144
ווען די וועלט 145
מאַשינען 146
אַלעמאָל 147
ווען אַ פאָלק קען ניט 148
ווען העכער פון נשמה איז געלט 149
ניט שרעקן וועסטו זיך מיט מיר 150
אויגן צוויי 151
זי 152
אַ טרוים געהאַט 153
הימל וועט באַשיצן 154
ניט מער 155
די חנוכה ליכט 156
זון אונטערגאַנג 157
איך האָב געוואוסט 158
אַ חלום 159
פרילינג 160
שנייען 161
ווען דער זומער גוסט 162
ווען די זון 163
אַך ווי נאַריש 164
תנו רבנן (באַלאַדע) 165
הגר אין מדבר באר שבע.... 169
היימלאָזע הינט (פאַבל) 172
קבלת התורה 175
דער אַלטער און דער נייער יאָר 178
די שטאַרקע 180
חד גדיא 183
חורבן שטימונגען 190